# מײַן מאַמע'ס הַגָדָה

## הַגָדָה שֶׁל פֶּסַח

איבערגעטײַטשט
אויף מאַמע-לשון - אידיש

דורך
**הרב זושא ווילהעלם**

**לזכות**

מײַן מאַמע

**חנה רבקה בת בלומא לאה**

זאָל זײַן געזונט

לְאוֹרֶךְ יָמִים וְשָׁנִים טוֹבוֹת

געזונטע גליקליכע יאָרן

מיר זאָלן דיר אַלע, און אַלעמאָל, געבן נאָר נחת

# הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

## מסידור אדמו"ר הזקן

איבערגעטײַטשט אויף אידיש

צוגעלײַגט ערקלערונגען און אָנווײַזונגען
פון רבין'ס הגדה - לקוטי טעמים ומנהגים

◇ ◆ ◇


דורך
**הרב זושא ווילהעלם**



שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים וארבע

©
Rabbi Zushe Wilhelm
25 Balfour Place
Brooklyn, N.Y. 11225

# הגדה של פסח

## סדר בדיקת וביעור חמץ:

דער מנהג איז אַוועק צו לייגן שטיקלאַך האַרטע חמץ אַ ווײַלע פריער אײדער די בדיקה כדי אַז דער וואָס איז בודק זאָל זיי געפינען, און על פי קבלה דאַרף מען אַוועקלייגן צען שטיקלאַך. אײדער ער הויבט אָן בודק זיין זאָל ער מאַכן די ברכה (סידור):

דער מנהג איז אַז בדיקת חמץ זאָל מען טאָן מיט אַ שַׁעֲוָה-ליכט [אַ וואַקסענעם ליכט] און מיט אַ פעדער פון אַן עוף, דער וואָס איז בודק לײגט אַרײַן די חמץ וואָס ער געפינט, אין אַ קליינעם פּאַפּירענעם זעקל, נאָך די בדיקה וויקלט מען אײַן די זעקל חמץ, די פעדער, די איבערגעבליבענע ליכטל און דעם האָלצערנעם לעפל אַלעס צוזאַמען מיט אַ פּאַפּיר, חוץ די שטעקן פון לעפל וואָס בלייבט נישט איינגעוויקלט, מען רינגלט דאָס אַלעס אַרום מיט שטריק עטליכע מאָל און מען בינדט דאָס צו. (ליקוטי טעמים ומנהגים)

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְהֹוָה** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער ג-ט, **מֶלֶךְ** דער קעניג, **הָעוֹלָם** פון די וועלט, **אֲשֶׁר** וואָס, **קִדְּשָׁנוּ** ער האָט אונז געהייליגט, **בְּמִצְוֹתָיו** מיט זיינע מצות, **וְצִוָּנוּ** און ער האָט אונז אָנגעזאָגט, **עַל** אויף, **בִּיעוּר** אויסראַמען [פאַרלענדן] **חָמֵץ** די חָמֵץ:

מען דאַרף זוכן מיט די שַׁיַין [ליכטיגקייט] פון אַ ליכט אין אַלע באַהאַלטענע ערטער אויך אין די שפּאַלטן וואָס זיינען אויף דער ערד. ער זאָל נישטריידן צווישן די ברכה און אָנהויב פון די בדיקה אפילו וועגן ענינים וואָס זיינען וועגן די בדיקה, און עס איז ריכטיג נישט צו ריידן וועגן זאַכן וואָס זיינען נישט מֵעִנְיָנֵי הַבְּדִיקָה די גאַנצע צייט פון זיין בדיקה, און ער זאָל אַוועקשטעלן פון זיינע בְּנֵי בַּיִת לעבן זיך צוהערן די ברכה אַז יעדער איינער זאָל בּוֹדֵק זיין אויף זיין אָרט, און זיי זאָלן נישט ריידן אינצואווישן, און זיי זאָלן זיין פאָרזיכטיג צו בודק זיין פריער דעם צימער וואָס איז נאָענט צו דעם אָרט וואו זיי האָבן געהערט די ברכה, זיי זאָלן אָבער נישט גיין גלײַך נאָך די ברכה צו בּוֹדֵק זיין אין אַנאַנדער צימער. נאָך די בדיקה זאָל ער זיין פאָרזיכטיג מיט די חמץ וואָס ער לאָזט איבער אויף מאָרגן צו פאַרברענען אָדער צו עסן, צו עס באַהאַלטן, און היטן ער זאָל עס נישט אַרומפירן הין און צוריק עס זאָל זיך נישט צוברעקלט ווערן, אָדער פאַרשלעפּט ווערן דורך קליינע קינדער אָדער מייזלאַך. נאָך די בדיקה דאַרף ער אויך מבטל זיין און ער זאָל זאָגן:

**כָּל חֲמִירָא** יעדער זויער טײג, **וַחֲמִיעָא** און חָמֵץ, **דְאִיכָּא בִּרְשׁוּתִי** וואָס איז דאָ אין מיין רשות, **דְּלָא חֲמִיתֵיה** וואָס איך האָב עס נישט געזעהן, **וּדְלָא בִעַרְתֵּיה** און איך האָב עס נישט אויסגעראַמט, **וּדְלָא יְדַעֲנָא לֵיה** און איך ווייס נישט וועגן דעם,

**לִיבָּטֵל** זאָל דאָס זיין בטל [ווערט-לאָז, ווי גאָרנישט], **וְלֶהֱוֵי הֶפְקֵר** און עס זאָל זַיין הֶפְקֶר, **כְּעַפְרָא דְאַרְעָא** ווי די שטויב פון דער ערד.

ביי‌טאָג דער פֿערצנטן/טער טאָג אין ניסן, אין די פינפטע שעה, זאָל ער זיך מאַכן אַ באַזונדערע פלאַם פייער און ער זאָל עס פאַרברענען און ער זאָל עס מבטל זיין, און ביי דעם ביטול פון ביי‌טאָג זאָל ער זאָגן:

**כָּל חֲמִירָא** יעדער זויער טייג, **וַחֲמִיעָא** און חָמֵץ, **דְאִיכָּא בִרְשׁוּתִי** וואָס איז דאָ אין מיין רשות, **דַחֲזִיתֵּיה** וואָס איך האָב עס אַמאָל געזען, **וּדְלָא חֲזִיתֵּיה** און וואָס איך האָב עס קיינמאָל נישט געזעהן, **דַחֲמִיתֵּיה** וואָס איך האָב יעצט געזעהן, **וּדְלָא חֲמִיתֵּיה** און וואָס איך האָב יעצט נישט געזעהן, **דְבִעַרְתֵּיה** וואָס איך האָב אויסגעראַמט, **וּדְלָא בִעַרְתֵּיה** און איך האָב עס נישט אויסגעראַמט, **לִיבָּטֵל** זאָל דאָס זיין בָטֵל [ווערט-לאָז, ווי גאָרנישט], **וְלֶהֱוֵי הֶפְקֵר** און עס זאָל זיין הֶפְקֶר, **כְּעַפְרָא דְאַרְעָא** ווי די שטויב פון דער ערד.

מען דאַרף פאַרברענען די צען שטיקלאַך, און ווען מען פאַרברענט די חמץ זאָל מען זאָגן:

**יְהִי רָצוֹן** עס זאָל זיין די ווילן, **מִלְּפָנֶיךָ** פון דיר, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער ג-ט, **וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ** און די ג-ט פון אונזערע עלטערן, **כְּשֵׁם** אַזוי ווי, **שֶׁאֲנִי מְבַעֵר** איך טו אויסראַמען [פאַרלענדן], **חָמֵץ** די חמץ, **מִבֵּיתִי וּמֵרְשׁוּתִי** פון מיין הויז און פון מיין רשות, **כַּךְ** אַזוי אויך, **תְּבַעֵר** זאָלסטו אויסראַמען [פאַרלענדן], **אֶת כָּל הַחִיצוֹנִים** די אַלע דרויסנדיקע כּחות, **וְאֶת רוּחַ הַטּוּמְאָה** און די גייסט פון טומאה, **תַּעֲבִיר** זאָלסטו אַוועק נעמען, **מִן הָאָרֶץ** פון די וועלט, **וְאֶת יִצְרֵנוּ הָרַע** און אונזער שלעכטע יֵצֶר הָרַע, **תַּעֲבִירֵהוּ** זאָלסטו אים אַוועק נעמען, **מֵאִתָּנוּ** פון אונז, **וְתִתֶּן לָנוּ** און גיב אונז, **לֵב בָּשָׂר** אַ האַרץ פון פלייש, **לְעָבְדְךָ** דיר צו דינען, **בֶּאֱמֶת** מיט אַן אמת, **וְכָל סִטְרָא אַחְרָא** און יעדע סִטְרָא אַחְרָא, **וְכָל הַקְּלִיפּוֹת** און אַלע קְלִיפּוֹת, **וְכָל הָרִשְׁעָה** און אַלעס שלעכטס, **בְּעָשָׁן** אין רויך, **תִּכְלֶה** זאָל דאָס אויסגיין, **וְתַעֲבִיר** און נעם אַוועק, **מֶמְשֶׁלֶת זָדוֹן** די געוועלטיקונג פון שלעכטס, **מִן הָאָרֶץ** פון די וועלט, **וְכָל הַמְּעִיקִים** און אַלע וואָס דערצערנען, **לַשְּׁכִינָה** די שכינה, **תְּבַעֲרֵם** זאָלסטו זיי אויסראַמען [פאַרלענדן], **בְּרוּחַ בָּעֵר** מיט אַ גייסט פון פאַרלענדן, **וּבְרוּחַ מִשְׁפָּט** און מיט אַ גייסט פון מִשְׁפָּט, **כְּשֵׁם** אַזוי ווי, **שֶׁבִּעַרְתָּ** דו האָסט אויסגעראַמט, **אֶת מִצְרַיִם** מִצְרַיִם, **וְאֶת אֱלֹהֵיהֶם** און זייערע אָפּגעטער [געטשקעס], **בַּיָּמִים הָהֵם** אין יענע טעג, **בַּזְּמַן הַזֶּה** אין די צייט, **אָמֵן סֶלָה** זאָל אַזוי זיין, אויף אייביג.

**סדר קרבן פסח:**

דער רבי רש״ב פלעגט זאָגן דעם סדר קרבן פסח אָנגעטאָהן אין די יום-טוב׳דיקע קליידער, און אויך אָנגעטאָהן דעם גאַרטעל, געזאָגט האָט ער דאָס שטייענדיקערהייט, און במשך אַלע יאָרן איז געווען זיין פנים צו דרום. דער רבי רש״ב פלעגט עס זאָגן מיט אַ לַייכטעדיקן פָּנִים, ער פלעגט מדייק זיין אין יעדע וואָרט און האָט מפלפל געווען אין אירע דינים, עטלעכע מאָל האָט ער מבאר געווען אַן ענין פון דעם לויטן דרך החסידות, און עטליכע מאָל אויך לויטן דרך קבלה. (לקוטי דיבורים עמוד תרפד)

מיר זאָלן אַנשטאָט אָקסען [קָרְבָּנוֹת] מיט אונזערע ליפּן, תְּפִלַּת מִנְחָה איז אין פלאַץ פון קָרְבָּן תָּמִיד פון נאָכמיטאָג און אין די צַייט ווען דער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז געשטאַנען, האָט מען גע׳שחט׳ן דעם קָרְבָּן פֶּסַח נאָך דעם תָּמִיד שֶׁל בֵּין הָעַרְבַּיִם, אַזוי אויך איז רָאוּי צו פאַרנעמען זיך לערנען דעם סֵדֶר קָרְבָּן פֶּסַח נאָך תְּפִלַּת מִנְחָה, און ער זאָל זאָגן די פאָלגענדע: (סידור)

**קָרְבַּן פֶּסַח** דער קרבן פסח, **מֵבִיא** ברייננגט ער, **מִן הַכְּבָשִׂים** פון די שעפּסן, **אוֹ מִן הָעִזִּים** אָדער פון די ציגן, **זָכָר** אַ זָכָר, **בֶּן שָׁנָה** אין זַיין ערשטן יאָר, **וְשׁוֹחֲטוֹ** און ער שחט די בהמה, **בָּעֲזָרָה** אין די עזרה (פון דעם בית המקדש), **בְּכָל מָקוֹם** אין יעדער אָרט (אין דער עזרה), **אַחַר חֲצוֹת** נאָך האַלבן טאָג, **אַרְבָּעָה עָשָׂר** (פון) דעם פערצנטן טאָג (אין ניסן), **דַּוְקָא** דוקא, **וְאַחַר שְׁחִיטַת** און נאָך דעם שחט׳ן, **תָּמִיד** פון דעם קרבן תמיד, **שֶׁל בֵּין הָעַרְבַּיִם** וואָס מען פלעגט ברענגען נאָך מיטאָג, **וְאַחַר הֲטָבַת נֵרוֹת** און נאָך דעם אויסרייניגן פון די ליכט (פון דער מנורה), **שֶׁל בֵּין הָעַרְבַּיִם** וואָס מען פלעגט טאָהן נאָך מיטאָג, **וְאֵין שׁוֹחֲטִין אֶת הַפֶּסַח** און מען שחט ניט דעם קרבן פסח, **עַל הֶחָמֵץ** ווען עס געפינט זיך חמץ ביי דיר אין רשות, **וְאִם שָׁחַט** און אויב ער האָט גע׳שחט׳ן דעם קרבן פסח, **קוֹדֶם לַתָּמִיד** איידער מען האָט געבראַכט דעם קרבן תמיד (פון נאָך מיטאָג), **כָּשֵׁר** איז דער קרבן פסח כשר, **וּבִלְבַד** נאָר מען זאָל מאַכן זיכער, **שֶׁיְּהֵא** אַז עס זאָל זיין, **אַחֵר** אַן אַנדערער, **מְמָרֵס** וואָס מישט, **בְּדַם הַפֶּסַח** אין די בלוט פון קרבן פסח, **כְּדֵי שֶׁלֹּא יִקְרֹשׁ** כדי אַז די בלוט (פון קרבן פסח) זאָל נישט פאַרגליווערט ווערן, **עַד שֶׁיִּזְרְקוּ** ביז מען וועט שפריצן (וואַרפן, גיסן), **דַּם הַתָּמִיד** די בלוט פון דעם קרבן תמיד (אויף דעם מִזְבֵּחַ), **וְאַחַר כַּךְ** און נאָך דעם, **יִזְרְקוּ** זאָל מען שפריצן, **דַּם הַפֶּסַח** די בלוט פון דעם קרבן פסח, **זְרִיקָה אַחַת** איין שפּריץ, **כְּנֶגֶד הַיְסוֹד** אַנטקעגן דעם יסוד (דער באַזע פון דעם מִזְבֵּחַ), **וְכֵיצַד עוֹשִׂין** און ווי אַזוי טוט מען? **שָׁחַט הַשּׁוֹחֵט** דער שוחט שחט דעם קרבן פסח, **וְקִבֵּל הַכֹּהֵן הָרִאשׁוֹן** און דער ערשטער כהן האָט באַקומען (די בלוט פון דעם קרבן), **שֶׁבְּרֹאשׁ הַשּׁוּרָה** וואָס ער איז געשטאַנען אין

אַנהויב פון די שורה (פון כהנים), **וְנָתַן לַחֲבֵירוֹ** און ער האָט געגעבן די כלי מיט די בלוט צו דעם כהן וואָס איז לעבן אים, **וַחֲבֵירוֹ לַחֲבֵירוֹ** און דער צווייטער כהן האָט עס געגעבן ווייטער צום דריטן כהן (אויף דער שורה) (און אַזוי ווייטער ביז), **וְהַכֹּהֵן** (און) דער כהן, **הַקָּרוֹב** וואָס איז געשטאַנען דער נענסטער, **אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ** לעבן מִזְבֵּחַ, **זוֹרְקוֹ** שפּריצט עס, **זְרִיקָה אַחַת** איין שפּריץ די גאַנצע בלוט, **כְּנֶגֶד הַיְסוֹד** אַנטקעגן דעם יסוד, **וְחוֹזֵר** און עס ווערט געגעבן צוריק, **הַכְּלִי רֵיקָן** די ליידיגע כלי (פון בלוט), **לַחֲבֵירוֹ** צו דעם כהן וואָס איז לעבן אים, **וַחֲבֵירוֹ לַחֲבֵירוֹ** און דער כהן וואָס איז לעבן אים, גיט דאָס צום דריטן כהן (און אַזוי ווייטער), **וּמְקַבֵּל** און ער נעמט, **כְּלִי הַמָּלֵא** די פולע כלי (מיט בלוט), **תְּחִלָּה** פריער, **וְאַחַר כָּךְ** און נאָך דעם, **מַחֲזִיר** גיט ער צוריק, **הָרֵיקָן** די ליידיגע כלי (וואָס ער האָט ביי זיך), **וְהָיוּ** און עס זיינען געווען, **שׁוּרוֹת** ליניעס (פון כהנים, פון דעם אָרט וואו מען האָט גע'שחט'ן דעם קרבן, ביז דעם מִזְבֵּחַ), **שֶׁל בָּזִיכֵי כֶסֶף** (וואָס האָבן איבער געגעבן איינער צום אַנדערן) [פון] זילבערנע כלים, **וְשׁוּרוֹת** און עס זיינען געווען באַזונדערע ליניעס (פון כהנים), **שֶׁל בָּזִיכֵי זָהָב** (וואָס האָבן איבער געגעבן איינער צום אַנדערן) [פון] גאָלדענע כלים, **וְלֹא הָיוּ לַבָּזִיכִין שׁוּלַיִם** און די כלים אין וואָס מען האָט געהאַלטן די בלוט האָבן נישט געהאַט קיין גלייכע אונטערשטע חֵלֶק (נאָר זיי זיינען געווען רונדיק אָדער שפּיציג פון אונטן), **שֶׁמָּא יַנִּיחֵם** ווייל אויב זיי וואָלטן יאָ געהאַט גלייכע אונטערשטע חֵלֶק, וואָלטן געקענט טרעפן אַז מען זאָל די כלי אַוועק לייגן, **וְיִקָּרֵשׁ הַדָּם** און די בלוט וועט פאַרגליווערט ווערן, **אַחַר כָּךְ** נאָך דעם (נאָך די זריקת הדם כנגד היסוד), **תּוֹלִין אֶת הַפֶּסַח** הייגנט מען אויף, דעם (גע'שחט'ענעם) קרבן פסח, **וּמַפְשִׁיטִין אוֹתוֹ כֻּלּוֹ** און מען ציט אַראָפּ דעם גאַנצן הויט פון דעם קרבן פסח, **וְקוֹרְעִין אוֹתוֹ** און מען צורייסט זיין בויך, **וּמְמַחִין אֶת קְרָבָיו** און מען קוועטשט אויס זיין (בויך) גידערים, **עַד שֶׁיֵּצֵא הַפֶּרֶשׁ** ביז די שמוץ (פון אינעווייניג) גייט אַרויס, **וּמוֹצִיאִין** און מען נעמט אַרויס (פון דער בהמה), **אֶת הָאֵימוּרִים** די חלקים וואָס מען גייט פאַרברענען אויף דעם מִזְבֵּחַ, **וְהֵם** און זיי זיינען, **הַחֵלֶב שֶׁעַל הַקֶּרֶב** די פעטס וואָס איז אויף די בויך (גידערים), **וְיוֹתֶרֶת הַכָּבֵד** און די פעל וואָס טיילט אָפּ די בויך מיט אַ ביסל פון די לעבער, **וּב' כְּלָיוֹת** און די צוויי נירען (Kidneys), **וְהַחֵלֶב שֶׁעֲלֵיהֶן** און די פעטס וואָס איז אויף זיי, **וְהָאַלְיָה** און די ווײַדל (פעטס פון די עק פון די בהמה - Tail), **לְעוּמַּת הֶעָצֶה** ביז צו די ביין אויף איר רוקן, איבער דעם בויך וואָס איז אַנטקעגן די נירען פון שעפּס (די נירען הייסן עֵצָה ווייל פון זיי קומען די עצות צום מענטשן), **וְנוֹתְנָם** און ער לייגט זיי (די אימורים), **בִּכְלִי שָׁרֵת** אין אַ כלי וואָס האָט באַדינט אין בית המקדש, **וּמוֹלְחָם** און ער זאַלצט זיי (די אימורים), **וּמַקְטִירָם הַכֹּהֵן** און דער כהן פאַרברענט זיי, **עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ** אויף

דעם מִזְבֵּחַ, **כָּל אֶחָד לְבַדּוֹ** יעדער קרבן פסח באַזונדער, **וְהַשְׁחִיטָה** און דאָס שחטין, **וְהַזְּרִיקָה** און דאָס שפּריצן די בלוט, **וּמִחוּי קְרָבָיו** און דאָס אויסקוועטשן אירע גידערים, **וְהֶקְטֵר חֲלָבָיו** און דאָס פאַרברענען פון אירע פעטס, **דוֹחִין אֶת הַשַּׁבָּת** שטופּן אָפּ דעם (איסור פון) שבת, **וּשְׁאָר עִנְיָנָיו** און די אַנדערע זאַכן פון דעם קרבן, **אֵינָם דוֹחִין אֶת הַשַּׁבָּת** שטופּן נישט אָפּ דעם (איסור פון) שבת, **וְכֵן** אַזוי אויך, **אֵין מוֹלִיכִין** מען פירט נישט, **אֶת הַפֶּסַח** דעם (פלייש פון) קרבן פסח, **לַבַּיִת** צו זיך אין הויז, **כְּשֶׁחָל בְּשַׁבָּת** ווען (דער פערצענטער טאָג אין ניסן) [עס] פאַלט אויס אויף שבת, **אֶלָּא כַּת הָאַחַת** נאָר, די ערשטע גרופּע מענטשן (וואָס האָבן שוין מקריב געווען זייער קרבן), **הֵם מִתְעַכְּבִים** זיי פאַרהאַלטן זיך, **עִם פִּסְחֵיהֶם** מיט זייערע פלייש פון קרבן פסח, **בְּהַר הַבַּיִת** אויף דעם באַרג, וואָס אויף איר איז געווען דער בית המקדש, **וְהַכַּת הַשְּׁנִיָּה** און די צווייטע גרופּע מענטשן, **יוֹשֶׁבֶת לָהּ** זעצן זיך (און וואַרטן), **בַּחֵיל** אין דעם חיל (דאָס איז געווען דער אָרט אַרום דעם חצר בית המקדש, פון די ווענט פון דעם בית המקדש ביז דעם סוֹרֵג, און דאָס איז געווען צען אַמוֹת בּרייט), **וְהַשְּׁלִישִׁית** און די דריטע (גרופּע פון מענטשן), **בִּמְקוֹמָהּ עוֹמֶדֶת** בלייבט שטיין אויף איר אָרט (וואָס דאָס איז אין דער עזרה), **חָשְׁכָה** ווען עס איז פינסטער געוואָרן (און עס איז געוואָרן אויס שבת), **יָצְאוּ** גייען די מענטשן אַרויס (צוגיין צו זיך אַהיים), **וְצָלוּ פִּסְחֵיהֶם** און בראָטן זייער קרבן פסח. **בִּשְׁלֹשָׁה כִּתּוֹת** אין דריי גרופּעס, **הַפֶּסַח נִשְׁחָט** ווערט דער קרבן פסח געשחט'ן, **וְאֵין כַּת פְּחוּתָה** און קיין גרופּע איז נישט ווינציגער, **מִשְּׁלֹשִׁים אֲנָשִׁים** פון דרײַסיג מענטשן, **נִכְנְסָה כַּת הָרִאשׁוֹנָה** עס איז אַרײַן געגאַנגען (אין דער עזרה) די ערשטע גרופּע, **נִתְמַלְּאָה הָעֲזָרָה** (ווען) עס האָט זיך אָנגעפילט די עזרה, **נוֹעֲלִין אוֹתָהּ** פאַרמאַכט (פאַרשפּאַרט) מען (די טירן פון) די עזרה, **וּבְעוֹד שֶׁהֵם שׁוֹחֲטִין** און אין דער צייט וואָס זיי שחט'ן זייערע קרבנות, **וּמַקְרִיבִין אֶת הָאֵימוּרִים** און פאַרברענען די חלקים פון קרבן אויף דעם מִזְבֵּחַ, **קוֹרְאִין אֶת הַהַלֵּל** זאָגן זיי (די לוויים) דעם הַלֵל, **אִם גָּמְרוּ אוֹתוֹ** אויב מען האָט געענדיגט זאָגן הַלֵל, **קֹדֶם שֶׁיַּקְרִיבוּ כֻּלָּם** איידער אַלע האָבן מקריב געווען זייער קרבן, **שׁוֹנִים אוֹתוֹ** זאָגט מען דעם הַלֵל אַ צווייטן מאָל, **וְאִם שָׁנוּ** און אויב מען האָט געזאָגט הַלֵל אַ צווייטן מאָל (און מען האָט נאָך נישט געענדיגט מקריב זײַן אַלעמענס קרבנות), **יְשַׁלֵּשׁוּ** זאָל מען זאָגן הַלֵל אַ דריטן מאָל. **עַל כָּל קְרִיאָה** ביי יעדע מאָל וואָס מען זאָגט הַלֵל, **תּוֹקְעִין** בלאָזן זיי (די כהנים) שוֹפָר, **ג' תְּקִיעוֹת** דרײַ בלאָזונגען, **תְּקִיעָה תְּרוּעָה תְּקִיעָה** תְּקִיעָה, תְּרוּעָה תְּקִיעָה, **גָּמְרוּ לְהַקְרִיב** אַז זיי האָבן געענדיגט צו מקריב זיין זייערע קרבנות, **פּוֹתְחִין הָעֲזָרָה** עפנט מען די טירן פון דער עזרה, **יָצְאָה כַּת רִאשׁוֹנָה** ווען די ערשטע גרופּע מענטשן זײַנען אַרויס געגאַנגען, **נִכְנְסָה כַּת שְׁנִיָּה**

גייען אַרײַן די צווייטע גרופּע מענטשן, **נוֹעֲלִין דַּלְתוֹת הָעֲזָרָה** פאַרמאַכט מען די טירן פון דער עזרה, **גָּמְרוּ** ווען זיי האָבן געענדיגט (מקריב זײַן זייערע קרבנות), **פּוֹתְחִין** עפנט מען די טירן פון דער עזרה, **יָצְאָה כַּת שְׁנִיָּה** ווען די צווייטע גרופּע מענטשן זיינען אַרויס געגאַנגען, **נִכְנְסָה כַּת שְׁלִישִׁית** גייען אַרײַן די דריטע גרופּע מענטשן, **וּמַעֲשֵׂה כֻּלָּן שָׁוִין** און בײַ אַלע דרײַ גרופּעס האָט מען געטאָן דאָס זעלבע, **וְאַחַר שֶׁיָּצְאוּ כֻּלָּן** און נאָך דעם ווי אַלע (דריי גרופּעס) זיינען אַרויס (פון עזרה), **רוֹחֲצִין הָעֲזָרָה** וואַשט מען (דעם פּאָל פון) דער עזרה, **וַאֲפִילוּ בְּשַׁבָּת** און אפילו אויף שבת (וואָלט מען געוואַשן די עזרה), **מִפְּנֵי לִכְלוּךְ הַדָּם** צוליב די שמוץ פון די בלוט, **שֶׁהָיָה בָּהּ** וואָס איז געווען אין איר, **וְכֵיצַד הָיְתָה הָרְחִיצָה** און ווי אַזוי וואָלט מען געוואַשן די עזרה? **אַמַּת הַמַּיִם** אַ פליסונג פון וואַסער, **הָיְתָה עוֹבֶרֶת** איז דורך געגאַנגען, **בָּעֲזָרָה** די עזרה, **וְהָיָה לָהּ מָקוֹם** און די פליסונג האָט געהאַט אַן אָרט, **לָצֵאת מִמֶּנָּה** צו אַרויס גיין פון די עזרה, **וּכְשֶׁרוֹצִין לְהָדִיחַ** און ווען מען וויל אויסשווענקען (וואַשן), **אֶת הָרִצְפָּה** די פּאָל (פלאָר) פון די עזרה, **סוֹתְמִין** פאַרשטאָפּט מען, **מְקוֹם יְצִיאָתָהּ** דעם אָרט וואו די פליסונג פון וואַסער גייט אַרויס פון עזרה, **וְהִיא מִתְמַלֵּאת** און די עזרה האָט זיך אָנגעפילט, **עַל כָּל גְּדוֹתֶיהָ** איבער אירע ברעגן, **מִפֹּה וּמִפֹּה** פון דער זײַט און פון דער זײַט, **עַד שֶׁהַמַּיִם עוֹלִים** ביז אַז די וואַסער איז אויפגעגאַנגען, **וְצָפִים** און שוועבן (אויפגעשוואומען), **מִכָּאן וּמִכָּאן** פון דאַנען און דאָרטן, **וּמְקַבֵּץ אֵלֶיהָ** און די וואַסער קלײַבט צונויף צו זיך, **כָּל דָּם** יעדער בלוט, **וְכָל לִכְלוּךְ** און יעדער שמוץ, **שֶׁהָיָה בָּעֲזָרָה** וואָס איז געווען אין דער עזרה, **וְאַחַר כָּךְ** און נאָך דעם, **פּוֹתְחִין** עפנט מען, **מְקוֹם יְצִיאָתָהּ** דעם אָרט וואו די פליסונג פון וואַסער גייט אַרויס פון עזרה, **וְהַכֹּל יוֹצֵא** און אַלעס גייט אַרויס פון דער עזרה, **עַד שֶׁנִּשְׁאַר הָרִצְפָּה** ביז דער פּאָל (פלאָר) בלייבט, **מְנֻקָּה וּמְשֻׁפָּה** אויסגערייניקט און גלאַנצענדיק, **זֶהוּ כְּבוֹד הַבַּיִת** דאָס איז דער כבוד פון בית המקדש, **וְאִם הַפֶּסַח** און אויב דער קרבן פסח, **נִמְצָא טְרֵיפָה** איז געפונען געוואָרן אַז זי איז אַ טריפה, **לֹא עָלָה לוֹ** איז דאָס ניט פאַרעכנט צום מענטשן אַז ער האָט מקיים געווען די מצוה, **עַד שֶׁמֵּבִיא אַחֵר** ביז ער וועט ברענגען אַנאַנדער קרבן.

דאָס איז דער ענין זייער אין קורצן.

יעדער מענטש וואָס איז ג-ט פאָרכטיק, דאַרף עס לייענען אין זיין צייט אַז עס זאָל גערעכנט ווערן זיין לייענען אין אָרט פון זיין ברײנגען דעם קרבן, און ער זאָל זאָרגן אויף דעם חורבן הבית און בעטן ביי ה׳ דער באַשעפער פון וועלט אַז ער זאָל עס אויפבויען שנעל גיך אין אונזערע טעג. אמן:

❁

## סדר הגדה:

דער רבי רש״ב האָט געזאָגט אַז ביי די סֵדֶר נאַכט, איז אֵיידער יעדער פְּעוּלָה וואָס מען טוט וואָס איז פאַרבונדן מיטן סֵדֶר, זאָל מען אַרײַנקוקן אין הַגָּדָה. (ספר השיחות תש״ד עמוד 92)

דער רבי האָט זיך געפירט, אַרויסצוזאָגן מיטן מויל די ווערטער וואָס שטײַט אין דער הַגָּדָה ווי צו מְקַיֵּים זײַן יעדער סִימָן אֵיידער ער טוט דאָס, און פאַר רָחְצָה האָט ער אַרויסגעזאָגט די אַלע דינים וואָס שטײַט אין הַגָּדָה ביז נאָך כּוֹרֵךְ. (המלך במסיבו ב׳שיט)

ער זאָל אָנרעכטן [מְסַדֵר זײַן] אויף זײַן טיש אַ קְעָרָה מיט דרײַ מַצּוֹת וואָס ליגן אֵיינער אויף די אַנדערע. די אונטערשטע מַצָּה הֵייסט יִשְׂרָאֵל און אויף דעם די מַצָּה וואָס הֵייסט לֵוִי און אויף דעם די מצה וואָס הייסט כהן, און אויף אים אויף די רעכטע זײַט די זְרוֹעַ די האַלדז-גאָרגל און אַנקעגן אים אויף לינקס די ביצה די אֵיי, אונטער זיי אין מיטן די מָרוֹר די ביטערע גרינסן, אונטער די זרוע לֵייגט מען די חֲרוֹסֶת און קעגן דעם אונטער די ביצה לֵייגט מען די כרפס און אונטער די מרור לֵייגט מען די חזרת מיט וואָס מען מאַכט די כּוֹרֵךְ: — סידור

## סימן סדר של פסח:

**קַדֵּשׁ** מאַך קִידוּש, **וּרְחַץ** און וואַש די הענט, **כַּרְפַּס** עס גרינצן אין זאַלץ וואַסער, **יַחַץ** צוטײַל די מַצָּה, **מַגִּיד** דערצײַל די הַגָּדָה, **רָחְצָה** וואַש די הענט, **מוֹצִיא** מאַך די בְּרָכָה הַמּוֹצִיא, **מַצָּה** מאַך די בְּרָכָה עַל אֲכִילַת מַצָּה, **מָרוֹר** עס די ביטערע גרינסן, **כּוֹרֵךְ** וויקל אײַן די מָרוֹר אין מַצָּה און עס דאָס צוזאַמען, **שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ** עס פון דעם צוגעגרייטן טיש, **צָפוּן** עס די באַהאַלטענע [מַצָּה], **בֵּרַךְ** בענטש, **הַלֵּל** זאָג הַלֵל, **נִרְצָה** זײַ באַוויליגט.

## קִידוּשׁ:

**אַתְקִינוּ** גרייט אָן, **סְעוּדָתָא** די סְעוּדָה, **דְמַלְכָּא עִילָאָה** פאַר דעם קעניג פון אוֹיבן, **דָּא הִיא** דאָס איז, **סְעוּדָתָא** די סְעוּדָה, **דְקוּדְשָׁא** פון דעם הֵייליגן, **בְּרִיךְ הוּא** געבענטשט איז ער **וּשְׁכִינְתֵּיה** און זײַן שְׁכִינָה.

## קַדֵּשׁ:

ביים רבי׳ן איז במשך די גאַנצע סֵדֶר געווען די כּוֹס אויף די רעכטע זײַט פון די קְעָרָה. (המלך במסיבו ב׳שכ)

ווען יום-טוב פאַלט אויס אום שַׁבָּת זאָגט מען פריער יוֹם הַשִּׁשִּׁי.

**יוֹם הַשִּׁשִּׁי** דעם זעקסטן טאָג, **וַיְכֻלּוּ** און עס זײַנען געענדיגט געווארן (דאָס באַשאַפונג פון), **הַשָּׁמַיִם** דער הימל, **וְהָאָרֶץ** און די ערד, **וְכָל צְבָאָם** און אַלע זײער

הערשאַפטן, **וַיְכַל אֱלֹהִים** און גָ-ט האָט געענדיגט, **בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי** אין דעם זיבעטן טאָג, **מְלַאכְתּוֹ** זײַן אַרבעט, **אֲשֶׁר עָשָׂה** וואָס ער האָט געטאָהן, **וַיִּשְׁבֹּת** און ער האָט גערוהט, **בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי** אין דעם זיבעטן טאָג, **מִכָּל מְלַאכְתּוֹ** פון אַלע זײַנע אַרבעט, **אֲשֶׁר עָשָׂה** וואָס ער האָט געטאָהן, **וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים** און גָ-ט האָט געבענטשט, **אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי** דעם זיבעטן טאָג (פון וואָד, שַׁבָּת), **וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ** און ער האָט אים געהײַליגט, **כִּי בוֹ** ווײַל אין אים, **שָׁבַת** האָט ער גערוהט, **מִכָּל מְלַאכְתּוֹ** פון אַלע זײַנע אַרבעט, **אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹהִים** וואָס גָ-ט האָט באַשאַפן, **לַעֲשׂוֹת** צו טאָהן.

אין די וואָכענטעג הויבט מען אָן דאָ:

**סַבְרִי מָרָנָן** הערט זיך צו חשוב'ע-לײַט,

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** (דער קעניג פון דער וועלט), **בּוֹרֵא** דער וואָס באַשאַפט, **פְּרִי הַגָּפֶן** די פרוכט פון דעם ווײַנשטאָק.

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** (דער קעניג פון דער וועלט), **אֲשֶׁר** וואָס, **בָּחַר בָּנוּ** האָט אונז אויסדערוויילט, **מִכָּל עָם** פון יעדע פאָלק, **וְרוֹמְמָנוּ** און האָט אונז דערהויבן, **מִכָּל לָשׁוֹן** פון אַלע שפּראַכן, **וְקִדְּשָׁנוּ** און ער האָט אונז געהײַליגט, **בְּמִצְוֹתָיו** דורך זײַנע מִצְוֹת, **וַתִּתֶּן לָנוּ** און דו האָסט אונז געגעבן, **ה׳ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **בְּאַהֲבָה** מיט ליבשאַפט, ("אום שבת זאָגט מען": **שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה** שַׁבָּת טעג פאַר רוה, **וּ**)**מוֹעֲדִים** (און) באַשטימטע צײַטן [ימים טובים], **לְשִׂמְחָה** פאַר פרײַליכקײַט, **חַגִּים** פײַער-טעג, **וּזְמַנִּים** און [באַשטימטע] צײַטן, **לְשָׂשׂוֹן** פאַר לוסטיגקײַט, **אֶת יוֹם** די טאָג, ("אום שבת זאָגט מען": **הַשַּׁבָּת הַזֶּה** די שַׁבָּת טאָג, **וְאֶת יוֹם** און דעם טאָג), **חַג** דעם פײַער-טאָג, **הַמַּצּוֹת** ווען מען עסט מַצוֹת [אומגעזויערטע קוכנס], **הַזֶּה** די דאָזיקע, **וְאֶת יוֹם טוֹב** און דער יום טוב, **מִקְרָא קֹדֶשׁ** אַ הײַליגע [צוזאַמען] רופונג, **הַזֶּה** די דאָזיקע, **זְמַן** די צײַט, **חֵרוּתֵנוּ** פון אונזער באַפרײַאונג, ("אום שבת זאָגט מען": **בְּאַהֲבָה** מיט ליבשאַפט), **מִקְרָא קֹדֶשׁ** אַ הײַליגע [צוזאַמען] רופונג, **זֵכֶר** אַן אָנדענק, **לִיצִיאַת מִצְרָיִם** פון אונזער אַרויסגיין פון מִצְרַיִם, **כִּי** ווײַל, **בָנוּ בָחַרְתָּ** אונז האָסטו אויסדערוויילט, **וְאוֹתָנוּ** און אונז, **קִדַּשְׁתָּ** האָסטו געהײַליגט, **מִכָּל הָעַמִּים** פון אַלע פעלקער, ("אום שבת זאָגט מען": **וְשַׁבָּת** און שַׁבָּת, **וּ**)**מוֹעֲדֵי קָדְשֶׁךָ** (און) דײַנע הײַליגע באַשטימטע צייטן [יָמִים טוֹבִים], ("אום שבת זאָגט מען": **בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן** מיט ליבשאַפט און באַוויליגונג), **בְּשִׂמְחָה** מיט פרײַד, **וּבְשָׂשׂוֹן** און מיט לוסטיגקײַט, **הִנְחַלְתָּנוּ** האָסטו אונז געגעבן צו יַרְשׁ'ענען,

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **מְקַדֵּשׁ** וואָס הײַליגט, ("אום שבת זאָגט מען": **הַשַּׁבָּת** דעם שַׁבָּת, **וְ**)**יִשְׂרָאֵל** (און) יִשְׂרָאֵל די אידן, **וְהַזְּמַנִּים** און די באַשטימטע צײַטן.

**בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ** געבענטשט ביסטו ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער ג-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** קעניג פון דער וועלט, **שֶׁהֶחֱיָנוּ** וואָס ער האָט אונז געמאַכט דערלעבן, **וְקִיְּמָנוּ** און ער האָט אונז ערהאַלטן, **וְהִגִּיעָנוּ** און ער האָט אונז געמאַכט דערגרייכן, **לַזְּמַן הַזֶּה:** צו די דאָזיקע צײַט.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת מאַכט מען קִידוּשׁ מיטן סדר פון יקנה״ז: יַיִן — בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן, קִידוּשׁ — אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ, נֵר — בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ, הַבְדָּלָה — הַמַּבְדִּיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל, זְמַן — שֶׁהֶחֱיָנוּ.

**בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ** געבענטשט ביסטו ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער ג-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** קעניג פון דער וועלט, **בּוֹרֵא** דער וואָס באַשאַפט, **מְאוֹרֵי** די לײַכטונגען, **הָאֵשׁ** פון די פײַער.

מען דערנעהנטערט נישט די ליכט איינער צום אַנדערן און מען פאַראייניגט נישט זײַער פלאַם, מען קוקט אויך נישט אויף די נעגל פון די פינגער, נאָר מען קוקט אויף די ליכט ווי זיי זײַנען אַליין יעדער איינער באַזונדער. (לקוטי טעמים ומנהגים)

**בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ** געבענטשט ביסטו ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער ג-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** קעניג פון דער וועלט, **הַמַּבְדִּיל** וואָס ער שיידט אָפּ, **בֵּין קוֹדֶשׁ** צווישן הייליגקייט, **לְחוֹל** און וואָכעדיגקייט, **בֵּין אוֹר** צווישן ליכטיגקייט, **לְחֹשֶׁךְ** און פינסטערניש, **בֵּין יִשְׂרָאֵל** צווישן די אידן, **לָעַמִּים** און אַנדערע פעלקער, **בֵּין יוֹם הַשְּׁבִיעִי** צווישן דעם זיבעטן טאָג (שַׁבָּת), **לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה** און די זעקס אַרבעט׳ס טעג, **בֵּין קְדֻשַּׁת שַׁבָּת** צווישן די הייליגקייט פון שבת, **לִקְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב** און די הייליגקייט פון יום טוב, **הִבְדַּלְתָּ** האָסטו אָפּגעשיידט, **וְאֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי** און דער זיבעטער טאָג [שבת], **מִשֵּׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה** פון די זעקס אַרבעטס טעג, **קִדַּשְׁתָּ** האָסטו געהייליגט, **הִבְדַּלְתָּ** דו האָסט אָפּגעשיידט, **וְקִדַּשְׁתָּ** און געהייליגט, **אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל** דײַן פאָלק, אידן, **בִּקְדוּשָּׁתֶךָ** מיט דײַן הייליגקייט, **בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **הַמַּבְדִּיל** וואָס שיידט אָפּ, **בֵּין קֹדֶשׁ** צווישן איין הייליגקייט, **לְקֹדֶשׁ** און אַ צווייטע הייליגקייט.

**בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ** געבענטשט ביסטו ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער ג-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** קעניג פון דער וועלט, **שֶׁהֶחֱיָנוּ** וואָס ער האָט אונז געמאַכט דערלעבן, **וְקִיְּמָנוּ** און ער האָט אונז ערהאַלטן, **וְהִגִּיעָנוּ** און ער האָט אונז געמאַכט דערגרייכן, **לַזְּמַן הַזֶּה:** צו די דאָזיקע צײַט.

ער טרינקט דעם כוס זיצנדיקערהייט אָנגעשפּאַרט אויף די לינקע זײַט, אין אַ וועג פון פרייהייט.

**וּרְחַץ:**

און ער וואַשט זײַנע הענט און מאַכט נישט קײַן בְּרָכָה.

**כַּרְפַּס:**

ער נעמט אַ שטיקל כַּרְפַּס קלענער ווי אַ כְּזַיִת און ער טונקט דאָס אײַן אין זאַלץ-וואַסער אָדער חוֹמֶץ און ער מאַכט די בְּרָכָה:

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער ג-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** קעניג פון דער וועלט, **בּוֹרֵא** דער וואָס באַשאַפט, **פְּרִי הָאֲדָמָה** די פרוכט פון דער ערד.

וועןער מאַכט די בְּרָכָה זאָל ער אויך אינזינען האָבן די מָרוֹר.

נאָכן עסן די כַּרְפַּס לײַגט מען נישט צוריק די איבעריקע כַּרְפַּס צו די קערה, און פון יעצט אָן בלײַבט נאָר פינף זאַכן אויף די קענרה. (לקוטי טעמים ומנהגים)

**יַחַץ:**

ער זאָל נעמען די מיטעלסטע מַצָּה, און צוטײַלן אויף צווײַ, איין חֵלֶק גרעסער פאַרן צווײטן, די גרעסערע חֵלֶק לײַגט ער אַוועק פאַר דעם אַפִּיקוֹמָן, און די קלענערע חֵלֶק לײַגט ער צוריק צווישן די צוויי מַצוֹת.

**מַגִּיד:**

דער רבי רש״ב האָט אַרויסגעזאָגט דעם טאָן פון דעם וואָרט הַבָּאָה: דער ערשטער ״הַבָּאָה״ איז מִלְעֵיל, די הַדְגָשָׁה אויף דעם אוֹת ב׳ און דער צווייטער ״הַבָּאָה״ איז מִלְרַע, די הַדְגָשָׁה אויף דעם אוֹת א׳. (ליקוטי טעמים ומנהגים)

ער הויבט אויף די קְעָרָה וואָס האָט אויף איר די מַצוֹת און ער זאָגט. (סידור)

[מען פירט זיך, נישט אויף צו הויבן די קְעָרָה, נאָר מען אַנטפּלעקט אַ ביסל פון די מַצוֹת. (לקוטי טעמים ומנהגים)

**הֵא לַחְמָא עַנְיָא** דאָס איז די אָרימע בּרוֹיט, **דִי אֲכָלוּ** וואָס האָבן געגעסן, **אַבְהָתָנָא** אונזערע עלטערן, **בְּאַרְעָא דְמִצְרָיִם** אין די לאַנד מִצְרַיִם, **כֹּל דִכְפִין** יעדער וואָס איז הונגעריק, **יֵיתֵי** זאָל קומען, **וְיֵיכוֹל** און עסן, **כֹּל דִצְרִיךְ** יעדער וואָס דאַרף, **יֵיתֵי** זאָל קומען, **וְיִפְסַח** און פראַוון דעם יוֹם-טוֹב פֶּסַח, **הַשַׁתָּא הָכָא** יעצט (דעם יאָר) זײַנען מיר נאָך דאָ (אין גָלוּת), **לְשָׁנָה הַבָּאָה** צום קומענדיקן יאָר, **בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל** (האָפן מיר צו זײַן) אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **הַשַׁתָּא עַבְדֵי** יעצט (דעם יאָר) זײַנען מיר נאָך קנעכט, **לְשָׁנָה הַבָּאָה** צום קומענדיקן יאָר, **בְּנֵי חוֹרִין** האָפן מיר צו זײַן באַפרײַט [מיר וועלן אויסגעלײַזט ווערן פון גָלוּת דורך מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ].

מען באַזייטיגט [נעמט אַוועק] די קְעָרָה מיט די מַצוֹת אָן אַ זַייט, און מען גיסט אים אָן די צווייטע כּוֹס, און דאָ פרעגט דער זון די מַה נִּשְׁתַּנָּה:

**[טאַטע איך וועל בּאַ דיר פרעגן פיר קַשְׁיוֹת]**

**מַה נִּשְׁתַּנָּה** וואָס איז אַנדערש, **הַלַּיְלָה הַזֶּה** די נאַכט [פון פֶּסַח], **מִכָּל הַלֵּילוֹת** פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר,

**[די ערשטע קַשְׁיָא איז]**

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת** אַלע נעכט [פון אַ גאַנץ יאָר], **אֵין אָנוּ מַטְבִּילִין** טונקען מיר ניט איין, **אֲפִילוּ פַּעַם אֶחָת** אַפילו איין מאָל, **הַלַּיְלָה הַזֶּה** [אָבער] די נאַכט [פון פֶּסַח], **שְׁתֵּי פְעָמִים** [טונקען מיר איין] צוויי מאָל [איין מאָל כַּרְפַּס אין זאַלץ-וואַסער, דעם צווייטן מאָל מָרוֹר אין חֲרוֹסֶת].

**[די צווייטע קַשְׁיָא איז]**

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת** אַלע נעכט [פון אַ גאַנץ יאָר], **אָנוּ אוֹכְלִין** עסן מיר, **חָמֵץ אוֹ מַצָּה** חָמֵץ אָדער מַצָּה, **הַלַּיְלָה הַזֶּה** [אָבער] די נאַכט [פון פֶּסַח], **כֻּלּוֹ מַצָּה** [עסן מיר] נאָר מַצָּה.

**[די דריטע קַשְׁיָא איז]**

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת** אַלע נעכט [פון אַ גאַנץ יאָר], **אָנוּ אוֹכְלִין** עסן מיר, **שְׁאָר יְרָקוֹת** אַלערלײַ [אַנדערע] גרינסן, **הַלַּיְלָה הַזֶּה** [אָבער] די נאַכט [פון פֶּסַח], **מָרוֹר** [עסן מיר] ביטערע גרינסן.

**[די פערטע קַשְׁיָא איז]**

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת** אַלע נעכט [פון אַ גאַנץ יאָר], **אָנוּ אוֹכְלִין** עסן מיר, **בֵּין יוֹשְׁבִין** סײַ זיצנדיקערהייט, **וּבֵין מְסֻבִּין** און סײַ אָנגעלענטערהייט, **הַלַּיְלָה הַזֶּה** [אָבער] די נאַכט [פון פֶּסַח], **כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין** [עסן מיר] אַלע אָנגעלענטערהייט.

**[טאַטע איך האָב ביי דיר געפרעגט פיר קשיות, יעצט ביטע גיב מיר אַ תירוץ.]**

[נאָכדעם וואָס די קינדער האָבן געפרעדט די מַה נִּשְׁתַּנָּה, פירט מען זיך, איבער צו זאָגן אַליין די מַה נִּשְׁתַּנָּה מיט די הַקְדָמָה טאַטע וכו' און די טייטש פון די קַשְׁיוֹת. – לקוטי טעמים ומנהגים]

מען קערט אום די קְעָרָה, און מען אַנטפּלעקט אַ ביסל פון די מַצוֹת און מען זאָגט עֲבָדִים וכו' – סידור.

אויף צו פאַרשטיין אונזער מִנְהָג, פאַרוואָס מיר טײַטשן אָפּ נאָר די מַה נִּשְׁתַּנָּה און נישט די איבעריקע הַגָּדָה,קען מען זאָגן בפשטות, אַז מען איז טאַקע מְדַקְדֵּק אַז דער וואָס זאָגט יעדע פִּסְקָא אין הַגָּדָה, ער זאָל פאַרטײַטשן וואָס ער זאָגט, און מַה נִּשְׁתַּנָּה זאָגן דאָך די קינדער, דעריבער טײַטשט מען עס אָפּ, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין וואָס זיי זאָגן. (לקוטי טעמים ומנהגים)

**עֲבָדִים הָיִינוּ** קנעכט זײַנען מיר געווען, **לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם** צו פַּרְעֹה אין מִצְרַיִם, **וַיּוֹצִיאֵנוּ** און ער האָט אונז אַרויסגעצויגן, **יְיָ אֱלֹהֵנוּ** ג-ט אונזער גָ-ט, **מִשָּׁם** פון

דאָרטן, **בְּיָד חֲזָקָה** מיט אַ שטאַרקע האַנט, **וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה** און מיט אַ אויסגעשטרעקטן אָרעם, **וְאִלּוּ** און אויב, **לֹא הוֹצִיא** ער וואָלט נישט אַרויסגעצויגן, **הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** דער אויבערשטער, **אֶת אֲבוֹתֵינוּ** אונזערע עלטערן, **מִמִּצְרַיִם** פון מִצְרַיִם, **הֲרֵי אָנוּ** וואָלטן מיר, **וּבָנֵינוּ** און אונזערע קינדער, **וּבְנֵי בָנֵינוּ** און אונזערע קינדס-קינדער (אייניקלאַך), **מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ** פאַרשקלאָפט וואָלטן מיר געווען, **לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם** צו פַּרְעֹה אין מִצְרַיִם, **וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ** און אַפִילוּ מיר אַלע (זַיינען) חֲכָמִים - קלוגע (מענטשן), **כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים** מיר אַלע זַיינען פאַרשטאַנדיקע, **כֻּלָּנוּ יוֹדְעִים** מיר אַלע ווייסן, **אֶת הַתּוֹרָה** די תּוֹרָה (מיר ווייסן סַיי-ווי דעם עִנְיָן פון יְצִיאַת מִצְרַיִם פונדעסטוועגן), **מִצְוָה עָלֵינוּ** איז אַ מִצְוָה אויף אונז, **לְסַפֵּר** צו דערצֵיילן, **בִּיצִיאַת מִצְרָיִם** [אין די נִיסִים] פון יְצִיאַת מִצְרַיִם, **וְכָל הַמַּרְבֶּה** און יעדער וואָס מערט, **לְסַפֵּר** צו דערצֵיילן, **בִּיצִיאַת מִצְרָיִם** [אין די נִיסִים] פון יְצִיאַת מִצְרַיִם, **הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח** איז ער געלויבט [ער האָט אַ גרויסע מִצְוָה].

– סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם איז דאָך אַ מִצְוָה, פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין בְּרָכָה אויף דעם "לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם"? האָט דער אַלטער רבי געזאָגט, אַז דאָס איז די זעלבע טַעַם פאַרוואָס מען מאַכט נישט קיין ברכה "לְבָרֵךְ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן" איידער מען גייט בענטשן. (לקוטי טעמים ומנהגים)

[דער בַּעַל-הַהַגָּדָה ברענגט אַ רְאָיָה (אַ באַווייז) פון די תַּנָּאִים וואָס זַיינען געווען חֲכָמִים און גרויס אין תּוֹרָה און פונדעסטוועגן האָבן זיי דערצֵיילט פון די נִיסִים פון יְצִיאַת מִצְרַיִם אַ גאַנצע נאַכט]

**מַעֲשֶׂה** עס איז געווען אַ פאַסירונג. **בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר** מיט רבי אליעזר, **וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ** און מיט רבי יהושע, **וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה** און מיט רבי אליעזר בן עזריה, **וְרַבִּי עֲקִיבָא** און מיט רבי עקיבא, **וְרַבִּי טַרְפוֹן** און מיט רבי טרפון, **שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין** וואָס זַיינען געווען אָנגעלענט, **בִּבְנֵי בְרַק** אין [די שטאָט] בְּנֵי בְרַק [זיי זענען געווען פסח ביינאַכט ביי ר׳ עקיבא אין בני ברק – לקוטי טעמים ומנהגים]. **וְהָיוּ מְסַפְּרִים** און זיי האָבן דערצֵיילט, **בִּיצִיאַת מִצְרָיִם** [אין די נִיסִים] פון יְצִיאַת מִצְרַיִם, **כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה** יענע גאַנצע נאַכט [פון פֶּסַח], **עַד שֶׁבָּאוּ** ביז עס זענען געקומען, **תַּלְמִידֵיהֶם** זייערע תַּלְמִידִים, **וְאָמְרוּ לָהֶם** און האָבן געזאָגט צו זיי, **רַבּוֹתֵינוּ** אונזערע רבייס, **הִגִּיעַ** עס האָט דערגרייכט [עס איז געקומען], **זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע** דער צַייט פון לייענען קְרִיאַת שְׁמַע, **שֶׁל שַׁחֲרִית** פון אינדערפרי.

[נאָכדעם וואָס מיר האָבן געזאָגט אַז ס׳איז דאָ אַ מצוה אין דערציילן פון די ניסים פון יציאת מצרים אין די נאַכט פון פסח, ווייזט אויף יעצט דער בעל הגדה פון וואַנעט ווייסן מיר דאָס].

**אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה** האָט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה געזאָגט **הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה** איך בין שוין אַזוי ווי זיבעציג יאָר [און נישט זיבעציג יאָר, לויט רש״י - ס׳איז געשען צו אים אַ נס אין דעם טאָג וואָס מען האָט איהם אויף גענומען פאַר אַ נשיא, וואָס ער איז געווען זייער יונג און זיין באָרד איז געוואָרן ווייס צוליב די מענטשן זאָלן איהם אָפּגעבן כבוד, און לויט דעם רמב״ם איז זיין באָרד געוואָרן ווייס אין זיין יונגקייט פון זיין אַ סאַך האָרעווען אין תורה]. **וְלֹא זָכִיתִי** און איך האָב נישט זוֹכֶה געווען צו וויסן די רֶמֶז פון פָּסוּק (און איך האָב נישט געוואונען – לקוטי טעמים ומנהגים), **שֶׁתֵּאָמֵר** אַז ס׳דאַרף געזאָגט ווערן, **יְצִיאַת מִצְרַיִם** [די פַּרְשָׁה] יְצִיאַת מִצְרַיִם, **בַּלֵּילוֹת** בַּיינאַכט, **עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא** ביז בֶּן זוֹמָא האָט עס געדְּרַשְׁנְט, **שֶׁנֶּאֱמַר** ווייל עס שטייט [אין פָּסוּק], **לְמַעַן תִּזְכּוֹר** פון וועגן דו זאָלסט געדענקען, **אֶת יוֹם צֵאתְךָ** דעם טאָג פון דיין אַרויסגיין, **מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם** פון דעם לאַנד מִצְרַיִם, **כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ** אַלע טעג פון דיין לעבן, **יְמֵי חַיֶּיךָ** די טעג פון דיין לעבן [מיינט], **הַיָּמִים** ביי טאָג, **כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ** אַלע טעג פון דיין לעבן, **לְהָבִיא** צו ברענגען, **הַלֵּילוֹת** די נעכט [ווען אין פָּסוּק וואָלט געשטאַנען נאָר יְמֵי חַיֶּיךָ, וואָלט איך געזאָגט אַז נאָר ביי טאָג דאַרף מען דערמאָנען יְצִיאַת מִצְרַיִם. יעצט אַז ס׳שטייט **כֹּל** יְמֵי חַיֶּיךָ (וואָס דער וואָרט ״כֹּל״ איז דאָך איבעריק) מיינט עס בַּיינאַכט, אַז בַּיינאַכט דאַרף מען אויך דערמאָנען יְצִיאַת מִצְרַיִם]. **וַחֲכָמִים אוֹמְרִים** און די חֲכָמִים זאָגן, **יְמֵי חַיֶּיךָ** די טעג פון דיין לעבן, **הָעוֹלָם הַזֶּה** די וועלט, **כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ** אַלע טעג פון דיין לעבן, **לְהָבִיא** צו ברענגען, **לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ** צו די טעג פון מָשִׁיחַ, [די חֲכָמִים זאָגן אַז דער וואָרט ״כֹּל״ קומט צו לערנען אַז ווען משיח וועט קומען וועט מען אויך דאַרפן דערמאָנען יְצִיאַת מִצְרַיִם].

**בָּרוּךְ הַמָּקוֹם** געלויבט איז דער אויבערשטער, **בָּרוּךְ הוּא** געלויבט איז ער **בָּרוּךְ** געלויבט [איז דער], **שֶׁנָּתַן תּוֹרָה** וואָס האָט געגעבן די תּוֹרָה, **לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל** צום אידישן פאָלק.

**בָּרוּךְ הוּא** געלויבט איז ער, **כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים** אַנטקעגן פיר סאָרטן קינדער, **דִּבְּרָה תוֹרָה** האָט די תּוֹרָה גערעדט [אין די תּוֹרָה שטייט ענטפערס פאַר פיר סאָרט קינדער]. **אֶחָד חָכָם** איינער איז אַ חָכָם, **וְאֶחָד רָשָׁע** און איינער איז אַ רָשָׁע, **וְאֶחָד תָּם** און איינער איז אַ תָּם, **וְאֶחָד שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל** און איינער וואָס ווייסט נישט [ער פאַרשטייט נישט] וואָס צו פרעגן.

**חָכָם מַה הוּא אוֹמֵר** וואָס זאָגט דער חָכָם, **מָה הָעֵדֹת** וואָס זענען די מִצְוֹת [וואָס ווערן אָנגערופן עֵדוֹת, אַזוי ווי תְּפִילִין, שַׁבָּת], **וְהַחֻקִּים** און די געזעצן [די מִצְוֹת וואָס זענען אַ געזעץ, אַזוי ווי פָּרָה אֲדוּמָה, בָּשָׂר בְּחָלָב, שעטנז], **וְהַמִּשְׁפָּטִים** און די דִּינִים [אַזוי ווי כִּיבּוּד אָב וָאֵם, לֹא תִגְנוֹב], **אֲשֶׁר צִוָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ אֶתְכֶם** וואָס ה׳ אונזער ג-ט האָט אַייך אָנגעזאָגט, **וְאַף אַתָּה** און אויך דו, **אֱמוֹר לוֹ** זאָגט צו אים, **כְּהִלְכוֹת הַפֶּסַח** אַלע דִּינִים פון פֶּסַח, [ביז דעם לעצטן דין פון פֶּסַח אַז], **אֵין מַפְטִירִין** מען טאָר נישט נאָך

ענדיקן, **אַחַר הַפֶּסַח** נאָך דעם קָרְבַּן פֶּסַח, **אַפִּיקוֹמָן** מיט אַ נאָכשפּײַז [דאָס הייסט אַז נאָך דעם עסן פון קָרְבַּן פֶּסַח זאָל מען נישט זאָגן ברענגט אַרויס נאָך עסן].

**רָשָׁע מַה הוּא אוֹמֵר** וואָס זאָגט דער רָשָׁע, **מָה הָעֲבוֹדָה** וואָס איז די דאָזיקע אַרבעט [די מִצְוֹת וואָס איר טוט, צו וואָס דאַרפט איר דאָס טאָן], **לָכֶם** צו אײַך, [אַז ער זאָגט דעם "לָכֶם", צו אײַך, מיינט דאָס], **וְלֹא לוֹ** און נישט צו אים, [און ער מיינט אַז ער וועט נישט טאָן קיין מִצְוֹת], **וּלְפִי** און וויבאַלד, **שֶׁהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ** ער האָט זיך אַרויסגעצויגן (אַרויס גענומען), **מִן הַכְּלָל** פון כְּלַל יִשְׂרָאֵל (זאָגענדיק דעם וואָרט "לָכֶם"), **כָּפַר בְּעִיקָר** האָט ער געלייקנט אין דעם אויבערשטן, **וְאַף אַתָּה** און אויך דו [וואָס דו דאַרפסט אים ענטפערן], **הַקְהֵה אֶת שִׁנָּיו** מאַך אים זויער זײַנע ציין [זאָלסט אים געבן אַ גוטן ענטפער, ער זאָל נישט קענען מער עפענען זײַן מויל צו פרעגן], **וֶאֱמוֹר לוֹ** און זאָג צו אים, **בַּעֲבוּר זֶה** צוליב דעם [אַז איך זאָל מְקַיֵים זײַן די מִצְוֹת], **עָשָׂה יְיָ לִי** האָט ה׳ געטאָן פאַר מיר (די נִיסִים), **בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם** ווען איך בין אַרויס געגאַנגען פון מִצְרַיִם, **לִי** פאַר מיר, **וְלֹא לוֹ** און נישט פאַר אים, **אִלּוּ הָיָה שָׁם** אויך ער וואָלט געווען דאָרטן (אין מִצְרַיִם), **לֹא הָיָה נִגְאָל** וואָלט ער נישט אויסגעלייזט געוואָרן.

**תָּם מַה הוּא אוֹמֵר** וואָס זאָגט דער תָּם [ער פאַרשטייט נישט די פאַרשידענע סאָרט מִצְוֹת, נאָר ער זעט אַז פֶּסַח בײַנאַכט איז אַנדערש, פרעגט ער נאָר], **מַה זֹּאת** וואָס איז דאָס? **וְאָמַרְתָּ אֵלָיו** און דו זאָלסט זאָגן צו אים, **בְּחוֹזֶק יָד** מיט אַ שטאַרקע האַנט, **הוֹצִיאָנוּ יְיָ** האָט אונז ה׳ אַרויסגעצויגן, **מִמִּצְרַיִם** פון מִצְרַיִם, **מִבֵּית עֲבָדִים** פון קנעכט הויז, [וואָס מיר זענען געווען קנעכט צו פַּרְעֹה אין מִצְרַיִם].

**וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל** און איינער וואָס ווייסט נישט [ער פאַרשטייט נישט] וואָס צו פרעגן, **אַתְּ פְּתַח לוֹ** דו זאָלסט אים עפענען [וויבאַלד ער ווייסט נישט וואָס צו פרעגן, זאָלסטו אָנפאַנגען צו רעדן און צו דערציילן אים פון די נִיסִים פון יְצִיאַת מִצְרַיִם], **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט [אין פָּסוּק], **וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ** און זאָלסט דערציילן צו דײַן זון, **בַּיּוֹם הַהוּא** אין יענעם טאָג (פֶּסַח), **לֵאמֹר** אַזוי צו זאָגן, **בַּעֲבוּר זֶה** צוליב דעם [אַז איך זאָל מְקַיֵים זײַן די מִצְוֹת], **עָשָׂה יְיָ לִי** האָט ה׳ געטאָן פאַר מיר (די נִיסִים), **בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם** ווען איך בין אַרויס געגאַנגען פון מִצְרַיִם.

[נאָכדעם וואָס מיר ווייסן ווי גרויס איז די מִצְוָה פון דערציילן די נִיסִים פון יְצִיאַת מִצְרַיִם, און מיר האָבן אויך געלערנט ווי מען דערציילט, וויל דער בַּעַל-הַהַגָּדָה אונז לערנען ווען איז די צײַט וואָס מען איז מְחוּיָב מִן הַתּוֹרָה צו דערציילן די נִיסִים פון יְצִיאַת מִצְרַיִם:]

**יָכוֹל מֵרֹאשׁ חוֹדֶשׁ** איך וואָלט געקענט מיינען אַז פון רֹאשׁ חוֹדֶשׁ [נִיסָן זאָל מען אָנפאַנגען דערציילן פון יְצִיאַת מִצְרַיִם], **תַּלְמוּד לוֹמַר** לערנט אונז דער פָּסוּק, **בַּיּוֹם הַהוּא** אין יענעם טאָג (פֶּסַח), **אִי בַּיּוֹם הַהוּא** אויב אין יענעם טאָג [אויב עס וואָלט געשטאַנען אין

פָּסוּק "בַּיּוֹם הַהוּא", און נישט "בַּעֲבוּר זֶה"], **יָכוֹל** וואָלט איך געקענט מײַנען, **מִבְּעוֹד יוֹם** ווען ס'איז נאָך טאָג [ערב פסח זאָל מען אָנפאַנגען דערציילן פון יְצִיאַת מִצְרַיִם], **תַּלְמוּד לוֹמַר** לערנט אונז דער פָּסוּק, **בַּעֲבוּר זֶה** צוליב דעם, **בַּעֲבוּר זֶה לֹא אָמַרְתִּי** (דעם וואָרט בַּעֲבוּר זֶה האָב איך נישט געזאָגט, **אֶלָּא בְּשָׁעָה** נאָר אין די צײַט, **שֶׁיֵּשׁ מַצָּה וּמָרוֹר** וואָס ס'איז פאַראַן מַצָּה און מָרוֹר, **מוּנָחִים** אַוועק געלייגט, **לְפָנֶיךָ** פאַר דיר [פֶּסַח בײַנאַכט ווען די מַצָּה און מָרוֹר איז אויפן טיש, דעמאָלט איז די מִצְוָה צו דערציילן פון יְצִיאַת מִצְרַיִם].

**מִתְּחִילָּה** פון אָנפאַנג, **עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה** דינער'ס פון עֲבוֹדָה זָרָה [געצן-דינער], **הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ** זענען געווען אונזערע עלטערן, **וְעַכְשָׁו** און יעצט, **קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם** האָט אונז דער אויבערשטער דערנענטערט, **לַעֲבוֹדָתוֹ** צו זיין דינסט, **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט [אין פסוק], **וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ** און יהושע האָט געזאָגט, **אֶל כָּל הָעָם** צו די גאַנצע פאָלק, **כֹּה אָמַר יְיָ** אַזוי האָט ה' געזאָגט, **אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל** דער ג-ט פון די אידן, **בְּעֵבֶר הַנָּהָר** אויף דעם אַנדערן זייט טייך, **יָשְׁבוּ אֲבוֹתֵיכֶם** האָבן אייערע עלטערן געזעסן (געוואוינט), **מֵעוֹלָם** פון אייביג אָן, **תֶּרַח אֲבִי אַבְרָהָם וַאֲבִי נָחוֹר** תרח דער פאָטער פון אברהם און דער פאָטער פון נחור, **וַיַּעַבְדוּ** און זיי האָבן געדינט, **אֱלֹהִים אֲחֵרִים** פרעמדע געטער [געטשקעס].

**וָאֶקַּח** און איך האָב גענומען, **אֶת אֲבִיכֶם אֶת אַבְרָהָם** אייער פאָטער אברהם, **מֵעֵבֶר הַנָּהָר** פון דעם אַנדערן זייט טייך, **וָאוֹלֵךְ אוֹתוֹ** און איך האָב אים געפירט, **בְּכָל אֶרֶץ כְּנָעַן** [אַרום] די גאַנצע לאַנד כנען, **וָאַרְבֶּה** און איך האָב געמערט, **אֶת זַרְעוֹ** זיינע קינדער, **וָאֶתֵּן לוֹ אֶת יִצְחָק** און איך האָב אים געגעבן יצחק'ן, **וָאֶתֵּן לְיִצְחָק** און איך האָב געגעבן צו יצחק, **אֶת יַעֲקֹב וְאֶת עֵשָׂיו** יַעֲקֹב און עֵשָׂיו, **וָאֶתֵּן לְעֵשָׂיו** און איך האָב געגעבן צו עֵשָׂיו, **אֶת הַר שֵׂעִיר** דעם באַרג שֵׂעִיר, **לָרֶשֶׁת אוֹתוֹ** צו ירש'נען אים, **וְיַעֲקֹב וּבָנָיו** און יַעֲקֹב און זײַנע קינדער, **יָרְדוּ מִצְרָיִם** האָב אַראָפּ גענידערט אין מִצְרַיִם.

**בָּרוּךְ** געבענטשט (איז דער), **שׁוֹמֵר** וואָס היט, **הַבְטָחָתוֹ** זיין צוזאָג, **לְיִשְׂרָאֵל** צו די אידן, **בָּרוּךְ הוּא** געבענטשט איז ער, **שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** וואָס דער הײליגער אויבערשטער געבענטשט איז ער, **חִשֵּׁב** האָט גערעכנט, **אֶת הַקֵּץ** דעם ענד (פון גלות), **לַעֲשׂוֹת** צו טאָן, **כְּמָה שֶׁאָמַר** אַזוי ווי ער האָט געזאָגט, **לְאַבְרָהָם אָבִינוּ** צו אברהם אבינו, **בִּבְרִית בֵּין הַבְּתָרִים** בײַ דעם בונד [וואָס ער האָט געמאַכט] צווישן די שטיקער, **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט [אין פָּסוּק], **וַיֹּאמֶר לְאַבְרָם** און ער האָט געזאָגט צו אברם, **יָדֹעַ תֵּדַע** וויסן זאָלסטו וויסן, **כִּי גֵר** אַז פרעמדע, **יִהְיֶה זַרְעֲךָ** וועלן דיינע קינדער זײַן, **בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם** אין אַ לאַנד וואָס איז נישט זייערע (אַ פרעמדע לאַנד), **וַעֲבָדוּם** און מען וועט אַרבעטן מיט זיי, **וְעִנּוּ אֹתָם** און מען וועט זיי פייניגן, **אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה** פיר הונדערט יאָר, **וְגַם אֶת הַגּוֹי** און אויך דעם פאָלק,

**אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ** וואָס זיי וועלן דינען, **דָּן אָנֹכִי** וועל איך מִשְׁפְּטִ'ן, **וְאַחֲרֵי כֵן** און דערנאָך, **יֵצְאוּ** וועלן זיי אַרויס גיין, **בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל** מיט אַ גרויסע פאַרמעגן.

[פופציג מאָל ווערט אין דער תורה דערמאָנט יְצִיאַת מִצְרַיִם – לקוטי טעמים ומנהגים].

מען דאַרף אויפהויבן דעם כּוֹס און צודעקן די מַצּוֹת, אַזוי שרײַבט דער אַרי״ז ז״ל. (סידור) [פריער זאָל מען פאַרדעקן די מַצּוֹת און דערנאָך אויפהויבן דעם כּוֹס. – לקוטי טעמים ומנהגים]

**וְהִיא** און דאָס [די הַבְטָחָה וואָס דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט צו אַבְרָהָם אָבִינוּ און צו די נביאים – לקוטי טעמים ומנהגים], **שֶׁעָמְדָה** איז וואָס איז ביי געשטאַנען, **לַאֲבוֹתֵינוּ** פאַר אונזערע עלטערן, **וְלָנוּ** און פאַר אונז, **שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבַד** ווייל נישט נאָר איינער אַליין [פַּרְעֹה דער קעניג פון מִצְרַיִם], **עָמַד עָלֵינוּ** איז אויף געשטאַנען אויף אונז, **לְכַלּוֹתֵנוּ** אונז צו פאַרלענדען, **אֶלָּא** נאָר, **שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר** אין יעדן דור און דור, **עוֹמְדִים עָלֵינוּ** שטייען זיי (די גוֹיִים רְשָׁעִים) אויף איבער אונז, **לְכַלּוֹתֵנוּ** אונז צו פאַרלענדען, **וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** און דער הײַליגער אויבערשטער געבענטשט איז ער, **מַצִּילֵנוּ** ראַטעוועט אונז, **מִיָּדָם** פון זייערע הענט.

ער זאָל אַוועקשטעלן דעם כּוֹס און אַנטפּלעקן די מַצּוֹת.

**צֵא וּלְמַד** גיי אַרויס און לערן, **מַה בִּקֵּשׁ לָבָן הָאֲרַמִּי** וואָס האָט לבן הארמי געוואָלט, **לַעֲשׂוֹת** [שלעכטס] צו טאָן, **לְיַעֲקֹב אָבִינוּ** צו יַעֲקֹב אָבִינוּ [נאָך ערגער ווי פַּרְעֹה], **שֶׁפַּרְעֹה לֹא גָזַר** [ווײַל מיר ווייסן אַז] פַּרְעֹה האָט נישט גוזר געווען [צו הרגי'נען], **אֶלָּא עַל הַזְּכָרִים** נאָר אויף די זְכָרִים – די אינגלאַך [ווען ער האָט אַרויס געגעבן אַ געזעץ אַז אַלע אידישע אינגלאַך זאָל מען אַריין וואַרפן אין טייך], **וְלָבָן בִּקֵּשׁ** אַבער לָבָן האָט געוואָלט, **לַעֲקוֹר אֶת הַכֹּל** צו אויסרײַסן אַלעס [אינגלאַך און מיידלאַך – גאַנץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל], **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), **אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי** דער לָבָן הָאֲרַמִּי האָט געוואָלט אומברענגען מײַן פאָטער (יַעֲקֹב אָבִינוּ), **וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה** און ער האָט אַראָפּ גענידערט צו מִצְרַיִם, **וַיָּגָר שָׁם** און ער האָט דאָרט געוואוינט, **בִּמְתֵי מְעָט** מיט אַביסל [ווייניג מענטשן], **וַיְהִי שָׁם** און ער איז דאָרט געוואָרן, **לְגוֹי גָּדוֹל** צו אַ גרויסע פאָלק, **עָצוּם** שטאַרק, **וָרָב** און אַסאַך.

**וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה** און ער האָט אַראָפּגענידערט צו מִצְרַיִם, **אָנוּס** געצוואונגען, **עַל פִּי הַדִּבּוּר**, לויטן באַפעהל פון ה' [אַז גֵר יִהְיֶ' זַרְעֲךָ – לקוטי טעמים ומנהגים], **וַיָּגָר שָׁם** און ער האָט דאָרט געוואוינט, **מְלַמֵּד** דאָס לערנט אונז, **שֶׁלֹּא יָרַד יַעֲקֹב אָבִינוּ** יַעֲקֹב אָבִינוּ האָט נישט אַראָפּגענידערט, **לְהִשְׁתַּקֵּעַ** צו פאַרבלײַבן (אויף שטענדיק), **בְּמִצְרַיִם** אין מִצְרַיִם, **אֶלָּא לָגוּר שָׁם** נאָר צו וואוינען דאָרטן (צײַטווײַליג), **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), **וַיֹּאמְרוּ אֶל פַּרְעֹה** און זיי האָבן געזאָגט צו פַּרְעֹה, **לָגוּר בָּאָרֶץ**

**בָּאנוּ** מיר זַיינען געקומען וואוינען אין דעם לאַנד [מִצְרַיִם], **כִּי אֵין מִרְאֶה** ווייל עס איז נישטאָ קיין פאַשע/פיטער, **לַצֹּאן** פאַר די שאָף, **אֲשֶׁר לַעֲבָדֶיךָ** פון דיינע קנעכט, **כִּי כָבֵד הָרָעָב** ווייל די הונגער איז שטאַרק, **בְּאֶרֶץ כְּנָעַן** אין לאַנד כנען, **וְעַתָּה** און יעצט [בעטן מיר], **יֵשְׁבוּ נָא** זאָלן זיך באַזעצן ביטע, **עֲבָדֶיךָ** דיינע קנעכט, **בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן** אין לאַנד גושֶן.

[דער בַּעַל הַגָּדָה גייט יעצט ערקלערן יעדן וואָרט פון דעם פָּסוּק וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה וַיָּגָר שָׁם בִּמְתֵי מְעָט וגו']

**"בִּמְתֵי מְעָט"** מיט אַביסל [ווייניק] מענטשן, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פסוק), **בְּשִׁבְעִים נֶפֶשׁ** מיט זיבעציג מענטשן, **יָרְדוּ אֲבוֹתֶיךָ** האָבן דיינע עלטערן אַראָפּ געגנידערט, **מִצְרָיְמָה** צו מִצְרַיִם, **וְעַתָּה** און יעצט, **שָׂמְךָ ה' אֱלוֹקֶיךָ** האָט דיר ה' דיין ג-ט געמאַכט, **כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם** אַזוי [פיל] ווי די שטערן פון הימל, **לָרֹב** צו אַסאַך.

**"וַיְהִי שָׁם"** און ער איז דאָרטן געוואָרן, **"לְגוֹי"** צו אַ פאָלק, **מְלַמֵּד** דאָס לערנט אונז, **שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל** אַז די אידן זענען געווען, **מְצֻיָּנִים** אָנגעצייכנט, **שָׁם** דאָרטן.

[זיי האָבן ניט געביטן זייערע אידישע נעמען, און נישט זייער אידישע שפראַך, און נישט זייער אידישע קליידונג. (לקוטי טעמים ומנהגים)]

**"גָּדוֹל עָצוּם"** גרויס און שטאַרק, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט [אין פסוק], **וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל** און די אידישע קינדער, **פָּרוּ** האָבן זיך געפרוכט, **וַיִּשְׁרְצוּ** און האָבן זיך געווידמענט, **וַיִּרְבּוּ** און האָבן זיך געמערט, **וַיַּעַצְמוּ** און האָבן זיך געשטאַרקט, **בִּמְאֹד מְאֹד** זייער זייער, **וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ** און די לאַנד איז פול געוואָרן, **אֹתָם** מיט זיי.

**"וָרָב"** און אַסאַך, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט [אין פסוק], **וָאֶעֱבֹר עָלַיִךְ** און איך בין אַריבער געגאַנגען אויף [איבער] דיר, **וָאֶרְאֵךְ** און איך האָב דיר געזעהן, **מִתְבּוֹסֶסֶת** פאַרשמירט, **בְּדָמָיִךְ** אין דיין בלוט [אין די בלוט פון קָרְבַּן פֶּסַח, און מִילָה וואָס די אידן האָבן זיך מַל געווען פאַרן עסן דעם קָרְבַּן פֶּסַח], **וָאֹמַר לָךְ** און איך האָב דיר געזאָגט, **בְּדָמַיִךְ חֲיִי** מיט דיין בלוט וועסטו לעבן, **וָאֹמַר לָךְ** און איך האָב דיר געזאָגט, **בְּדָמַיִךְ חֲיִי** מיט דיין בלוט וועסטו לעבן, **רְבָבָה** צען טויזנטער [זייער אַסאַך], **כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה** אַזוי ווי די שפראָצונג פון פעלד, **נְתַתִּיךְ** האָב איך דיר געגעבן [געמאַכט], **וַתִּרְבִּי** און דו האָסט זיך געמערט, **וַתִּגְדְּלִי** און דו ביסט גרויס געוואָרן, **בַּעֲדִי עֲדָיִים** מיט שיינע צירונג, **שָׁדַיִם נָכֹנוּ** פאַרטיגע ברוסטן, **וּשְׂעָרֵךְ** און דיינע האָר, **צִמֵּחַ** האָבן געשפּראָצט, **וְאַתְּ עֵרֹם וְעֶרְיָה** און דו ביסט הייל און נאַקעט (פון תורה און מצוות). [זעען מיר פון דעם פסוק אַז די אידן האָבן זיך געמערט זייער שנעל].

״**וַיָּרֵעוּ אוֹתָנוּ הַמִּצְרִים** און די מִצְרִים האָבן אונז שלעכטס געטאָן, **וַיְעַנּוּנוּ** און זיי האָבן אונז געפּייניקט, **וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ** און זיי האָבן געגעבן אויף אונז, **עֲבוֹדָה קָשָׁה**״ שווערע אַרבעט.

[דער בַּעַל הַגָּדָה גייט יעצט ערקלערן יעדן וואָרט פון דעם פסוק וַיָּרֵעוּ וגו׳ :]

״**וַיָּרֵעוּ אוֹתָנוּ הַמִּצְרִים**״ און די מִצְרִים האָבן אונז שלעכטס געטאָן, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), [פרעה האָט געזאָגט צו זַיין פאָלק] **הָבָה** לאָמיר זיך גרייטן, **נִתְחַכְּמָה לוֹ** לאָמיר זיך קליגן צו [איבער] אים, **פֶּן יִרְבֶּה** טאָמער וועט ער זיך מערן, **וְהָיָה** און אַז עס וועט זַיין, **כִּי תִקְרֶאנָה מִלְחָמָה** אַז עס וועט זיך טרעפן אַ מִלְחָמָה אַנקעגן אונז [די מִצְרִים], **וְנוֹסַף גַּם הוּא** וועט ער זיך אויך מערן, **עַל שֹׂנְאֵינוּ** אויף אונזערע פַּיינט, **וְנִלְחַם בָּנוּ** און ער וועט מִלְחָמָה האַלטן אין אונז, **וְעָלָה מִן הָאָרֶץ** און ער וועט אַרויף גיין [אַוועק גיין] פון דעם לאַנד.

״**וַיְעַנּוּנוּ**״ און זיי האָבן אונז געפּייניגט, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פסוק), ״**וַיָּשִׂימוּ עָלָיו** און זיי האָבן געלייגט אויף אים (אויף דעם אידישן פאָלק), **שָׂרֵי מִסִּים** האַרן פון שטייער, **לְמַעַן עַנֹּתוֹ** אים צו פּייניגן, **בְּסִבְלֹתָם** מיט זייער שווערע אַרבעט, **וַיִּבֶן** און ער האָט געבוֹיט, **עָרֵי מִסְכְּנוֹת** פעסטונג שטעט (שטעט פאַר אוֹצְרוֹת), **לְפַרְעֹה** פאַר פַּרְעֹה, **אֶת-פִּיתֹם וְאֶת-רַעַמְסֵס**״ פִּיתוֹם און רַעַמְסֵס.

״**וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ** און זיי האָבן געגעבן אויף אונז, **עֲבֹדָה קָשָׁה**״ שווערע אַרבעט, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), ״**וַיַּעֲבִדוּ מִצְרַיִם** און די מִצְרִים האָבן געמאַכט אַרבעטן, **אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** די אידן, **בְּפָרֶךְ**״ מיט שווערע אַרבעט (אַן אַרבעט וואָס צוברעכט דעם גוף), ״**וַיְמָרְרוּ** און זיי האָבן פאַרביטערט, **אֶת חַיֵּיהֶם** זייער לעבן, **בַּעֲבֹדָה קָשָׁה** מיט שווערע אַרבעט, **בְּחֹמֶר** מיט ליים, **וּבִלְבֵנִים** און מיט ציגל, **וּבְכָל עֲבֹדָה** און מיט אַלע סאָרטן אַרבעט, **בַּשָּׂדֶה** אין פעלד, **אֵת כָּל עֲבֹדָתָם** אַלע זייערע אַרבעט, **אֲשֶׁר עָבְדוּ** וואָס זיי האָבן געדינט, **בָּהֶם** מיט זיי (די מצרים האָבן זיי געמאַכט אַרבעטן), **בְּפָרֶךְ**״ מיט שווערע אַרבעט.

״**וַנִּצְעַק** און מיר האָבן געשריגן, **אֶל יְהוָֹה** צו ה׳, **אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ** דער ג-ט פון אונזערע עלטערן, **וַיִּשְׁמַע יְהוָֹה** און ה׳ האָט צוגעהערט, **אֶת קֹלֵנוּ** צו אונזער קול, **וַיַּרְא** און ער האָט געזען, **אֶת עָנְיֵנוּ** אונזער פּיין, **וְאֶת עֲמָלֵנוּ** און אונזער מאַטערניש, **וְאֶת לַחֲצֵנוּ**״ און אונזער דרוק.

[דער בַּעַל הַגָדָה גייט יעצט ערקלערן יעדן וואָרט פון דעם פסוק וַנִצְעַק וגו׳:]

״**וַנִּצְעַק** און מיר האָבן געשריגן, **אֶל יְהֹוָה** צו ה׳, **אֱלֹהֵי אֲבֹתֵינוּ**״ דער ג-ט פון אונזערע עלטערן, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט [אין פסוק], ״**וַיְהִי** און עס איז געווען, **בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם** אין יענע פילע טעג, **וַיָּמָת** און ער איז געשטאָרבן, **מֶלֶךְ מִצְרַיִם** דער קעניג פון מִצְרַיִם (רש״י זאָגט אַז דער קעניג איז נישט געשטאָרבן נאָר ער איז געוואָרן אַ מצורע (קרעציג) (און אַ מצורע איז גערעכנט אַזוי ווי אַ געשטאָרבענער) און מען פלעגט שחטין אידישע קינדער און פרעה פלעגט זיך באָדן אין זייערע בלוט), **וַיֵּאָנְחוּ** און זיי האָבן געזיפצעט, **בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** די אידן, **מִן הָעֲבֹדָה** פון דער אַרבעט, **וַיִּזְעָקוּ** און זיי האָבן געשריגן, **וַתַּעַל** און עס איז אַרויפגעגאַנגען, **שַׁוְעָתָם** זייער געשריי, **אֶל הָאֱלֹהִים** צו ה׳, **מִן הָעֲבֹדָה**״ פון דער אַרבעט.

״**וַיִּשְׁמַע יְהֹוָה** און ה׳ האָט צוגעהערט, **אֶת קֹלֵנוּ**״ צו אונזער קול, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט [אין פסוק], ״**וַיִּשְׁמַע אֱלֹהִים** און ג-ט האָט צוגעהערט, **אֶת נַאֲקָתָם** זייער געשריי, **וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים** און ג-ט האָט געדענקט, **אֶת בְּרִיתוֹ** זיין בונד, **אֶת-אַבְרָהָם אֶת-יִצְחָק וְאֶת-יַעֲקֹב**״ מיט אַבְרָהָם און יִצְחָק און יַעֲקֹב.

״**וַיַּרְא** און ער האָט געזען, **אֶת עָנְיֵנוּ**״ אונזער פַּיין, **זוֹ פְּרִישׁוּת** דאָס איז די אָפּשיידונג, **דֶּרֶךְ אֶרֶץ** פון דעם לעבן-שטייגער, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט [אין פָּסוּק], ״**וַיַּרְא אֱלֹקִים** און ג-ט האָט געזען, **אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** די אידן (אין זייערע צָרוֹת), **וַיֵּדַע אֱלֹקִים**״ און ג-ט האָט געוואוסט (אַז עס איז געקומען די צַייט אַרויסנעמען די אידן פון מִצְרַיִם).

״**וְאֶת עֲמָלֵנוּ**״ און אונזער מאַטערניש, **אֵלּוּ הַבָּנִים** דאָס זיינען די קינדער, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), ״**כָּל הַבֵּן** יעדער זון, **הַיִּלוֹד** וואָס וועט געבוירן ווערן, **הַיְאֹרָה** אין טַייך, **תַּשְׁלִיכוּהוּ** זאָלט איר אים אַרַיינוואַרפן, **וְכָל הַבַּת** און יעדע טאָכטער, **תְּחַיּוּן**״ זאָלט איר [מאַכן] לאָזן לעבן.

״**וְאֶת לַחֲצֵנוּ**״ און אונזער דרוק, **זֶה הַדְּחַק** דאָס איז די דרוק, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), ״**וְגַם רָאִיתִי** און איך האָב אויך געזעהן, **אֶת הַלַּחַץ** דעם דרוק, **אֲשֶׁר מִצְרַיִם** וואָס די מצרים, **לֹחֲצִים אֹתָם**״ דריקן זיי (די מִצְרִים האָבן זיי געשטופט צו דער אַרבעט).

״**וַיּוֹצִאֵנוּ יְהֹוָה** און ה׳ האָט אונז אַרויסגעצויגן, **מִמִּצְרַיִם** פון מִצְרַיִם, **בְּיָד חֲזָקָה** מיט אַ שטאַרקער האַנט, **וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה** און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, **וּבְמֹרָא גָּדוֹל** און מיט גרויס מורא, **וּבְאֹתוֹת** און מיט צייכנס, **וּבְמֹפְתִים**״ און מיט וואונדער.

[דער בַּעַל הַגָּדָה גֵייט יעצט ערקלערן יעדן וואָרט אין דעם פָּסוּק וַיּוֹצִיאֵנוּ וגו׳]

**״וַיּוֹצִיאֵנוּ יְהֹוָה** און ה׳ האָט אונז אַרויסגעצויגן, **מִמִּצְרַיִם״** פון מִצְרַיִם, **לֹא עַל יְדֵי מַלְאָךְ** נישט דורך אַ מַלְאָךְ, **וְלֹא עַל יְדֵי שָׂרָף** און נישט דורך אַ ברענענדיקן מַלְאָךְ, **אֶלָּא** נאָר, **הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** דער הֵיילִיקער אויבערשטער געבענטשט איז ער, **בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ** מיט זַיין כָּבוֹד, ער אַליין, **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), **״וְעָבַרְתִּי** און איך וועל אַדורך [אַריבער] גֵיין, **בְאֶרֶץ מִצְרַיִם** אין דער לאַנד מִצְרַיִם, **בַּלַּיְלָה הַזֶּה** אין דער דאָזיקער נאַכט (פון פֶּסַח), **וְהִכֵּיתִי** און איך וועל שלאָגן (הרגינען), **כָּל בְּכוֹר** יעדן בְּכוֹר [ערשט-געבוירענער], **בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם** אין די לאַנד מִצְרַיִם, **מֵאָדָם** פון אַ מענטש, **וְעַד בְּהֵמָה** ביז אַ בהמה, **וּבְכָל אֱלֹהֵי מִצְרַיִם** און אין אַלע אָפּגעטער פון מִצְרַיִם, **אֶעֱשֶׂה שְׁפָטִים** וועל איך טאָן שטראָפן, **אֲנִי ה׳״** איך בין ה׳, **״וְעָבַרְתִּי** און איך וועל אַדורך [אַריבער] גֵיין, **בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם״** אין די לאַנד מִצְרַיִם, **אֲנִי וְלֹא מַלְאָךְ** איך און נישט קיין מלאך, **״וְהִכֵּיתִי** און איך וועל שלאָגן (הרגינען), **כָּל בְּכוֹר** יעדן בכור [ערשט-געבוירענער], **בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם״** אין די לאַנד מִצְרַיִם, **אֲנִי וְלֹא שָׂרָף** איך און נישט אַ ברענענדיקער מַלְאָךְ, **״וּבְכָל אֱלֹהֵי מִצְרַיִם** און אין אַלע אָפּגעטער (געטשקעס) פון מִצְרַיִם, **אֶעֱשֶׂה שְׁפָטִים״** וועל איך טאָן שטראָפן, **אֲנִי וְלֹא הַשָּׁלִיחַ** איך און נישט דער שְׁלִיחַ, **״אֲנִי ה׳״** איך בין ה׳, **אֲנִי הוּא** איך בין דער (וואָס וועט טאָן די אַלע זאַכן), **וְלֹא אַחֵר** און נישט קיין אַנדערער.

**״בְּיָד חֲזָקָה״** מיט אַ שטאַרקער האַנט, **זֶה הַדֶּבֶר** דאָס איז די מַכָּה פון מאָרד, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), **״הִנֵּה** אָט, **יַד ה׳** די האַנט פון ג-ט **הוֹיָה** וועט זַיין, **בְּמִקְנְךָ** אין דַיינע פִי, **אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה** וואָס איז אין פעלד, **בַּסּוּסִים** אין די פערד, **בַּחֲמוֹרִים** אין די אייזלען, **בַּגְּמַלִּים** אין די קעמלען, **בַּבָּקָר** אין די רינדער, **וּבַצֹּאן** און אין די שאָף, **דֶּבֶר כָּבֵד מְאֹד״** זֵייער אַ שווערער מאָרד (זעהן מיר אַז בַּיי דער מַכָּה פון דֶּבֶר זאָגט דער פָּסוּק דעם וואָרט יַד).

**״וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה״** און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, **זוֹ הַחֶרֶב** דאָס איז די שווערד, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), **״וְחַרְבּוֹ שְׁלוּפָה** און זַיין אויסגעצויגענע שווערד, **בְּיָדוֹ** איז אין זַיין האַנט, **נְטוּיָה** געניֵיגט, **עַל יְרוּשָׁלָיִם״** אויף יְרוּשָׁלַיִם (זעהן מיר אַז בַּיי חֶרֶב נוּצט דער פָּסוּק דעם וואָרט נְטוּיָה).

**״וּבְמוֹרָא גָּדֹל״** און מיט גרויס מורא [אַ גרויסע אַנטפּלעקונג – לקוטי טעמים ומנהגים], **זֶה גִּלּוּי שְׁכִינָה** דאָס איז די אַנטפּלעקונג פון די שכינה [בַּיינאַכט ווען עס איז געווען מַכַּת בְּכוֹרוֹת, און בַּיי דער גְאוּלָה פון די אידן – לקוטי טעמים ומנהגים], **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטֵייט (אין פָּסוּק), **״אוֹ** אָדער, **הֲנִסָּה אֱלֹהִים** האָט אַן אָפּגאָט געפּראוווט (אלהים – חול לפי׳ רש״י), **לָבוֹא לָקַחַת לוֹ** צו קומען נעמען פאַר זיך, **גּוֹי מִקֶּרֶב גּוֹי** אַ פאָלק פון אַ אַנדערן פאָלק, **בְּמַסֹּת** מיט פראוּוואוּנגען (נִסִים), **בְּאֹתֹת** מיט צֵייכנס, **וּבְמוֹפְתִים**

און מיט וואונדער, **וּבְמִלְחָמָה** און מיט מִלְחָמָה, **וּבְיָד חֲזָקָה** און מיט אַ שטאַרקע האַנט, **וּבְמוֹרָאִים גְּדוֹלִים** און מיט גרויס מורא, **כְּכֹל** אַזוי ווי אַלעס, **אֲשֶׁר עָשָׂה לָכֶם** וואָס האָט געטאָן צו אַיִיך, **ה' אֱלֹהֵיכֶם** ה' אַייער ג-ט, **בְּמִצְרַיִם** אין מִצְרַיִם, **לְעֵינֶיךָ"** פאַר דיינע אויגן.

**"וּבְאֹתוֹת"** און מיט צייכנס, **זֶה הַמַּטֶּה** דאָס איז דער שטעקן (משה רבינו'ס שטעקן מיט וואָס ער האָט געטאָן אַלע וואונדער), **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוק), **"וְאֶת הַמַּטֶּה הַזֶּה** און דעם דאָזיקן שטעקן, **תִּקַּח בְּיָדֶךָ** זאָלסטו נעמען אין דיין האַנט, **אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה בּוֹ** וואָס דו וועסט מאַכן דורך אים, **אֶת הָאֹתֹת"** די צייכנס (זעהן מיר אַז בַּיי מַטֶּה זאָגט דער פָּסוק אוֹתוֹת).

**"וּבְמוֹפְתִים"** און מיט וואונדער, **זֶה הַדָּם** דאָס איז די מַכָּה פון דָם, **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוק), **"וְנָתַתִּי מוֹפְתִים** און איך וועל געבן וואונדער, **בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ"** אין הימל און אויף דער ערד.

ווען מען זאָגט "דָם וָאֵשׁ וְתִמְרוֹת עָשָׁן" זאָל מען גיסן דריי גיסונגען. מען זאָל נישט גיסן מיטן פינגער, נאָר מיט דעם כוס. און מען זאָל אַריין גיסן אין אַ צובראָכענעם כְּלִי. — סידור.

מען פירט זיך צו אויסגיסן אַביסל וויין פון דעם כוס דריי מאָל ביים זאָגן די ווערטער "דם ואש ותמרות עשן", צען מאָל ווען ער רעכנט אויס בפרטיות די נעמען פון אַלע צען מכות, און נאָך דריי מאָל ווען ער רעכנט אויס די מכות בכללות אין זייער ראשי-תיבות פון דְצַ"ךְ עַדַ"שׁ בְּאַחַ"ב.

אַלעס צוזאַמען גיסט מען זעכצן מאָל, וואָס דאָס איז אַנקעגן די חֶרֶב פון דעם אויבערשטן וואָס דאָס איז דער מלאך וואָס איז באַשטימט אויף נקמה, וואָס ער הייסט

"יו הך" — וואָס דאָס מיינט י"ו — זעכצן, ה"ך — קלאַפּ און נעם נְקָמָה. (שו"ע אדה"ז סימן תע"ג סעיף נ')

**"דָּם** בלוט, **וָאֵשׁ** און פַייער, **וְתִמְרוֹת עָשָׁן"** און זַיילן פון רויך (זעהן מיר אַז בַּיי די מַכָּה פון דָם זאָגט מען דעם פָּסוק "מוֹפְתִים").

**דָּבָר אַחֵר** אַן אַנדער פְּשַׁט (אַז די פָּסוק "בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה" וגו' רעדט זיך נישט וועגן פינף באַזונדערע זאַכן נאָר די פָּסוק גייט אויף די צען מַכּוֹת) **"בְּיָד חֲזָקָה"** מיט אַ שטאַרקע האַנט, **שְׁתַּיִם** איז (אַ רֶמֶז אויף) צוויי מַכּוֹת (צוויי לְשׁוֹנוֹת פון מַכּוֹת: "יָד", און "חֲזָקָה". — לקוטי טעמים ומנהגים), **"וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה"** און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, **שְׁתַּיִם** איז (אַ רֶמֶז אויף) צוויי מַכּוֹת (צוויי לְשׁוֹנוֹת פון מַכּוֹת: "זְרוֹעַ", און "נְטוּיָה"), **"וּבְמוֹרָא גָּדוֹל"** און מיט גרויס מוֹרָא, **שְׁתַּיִם** איז (אַ רֶמֶז אויף) צוויי מַכּוֹת (צוויי לְשׁוֹנוֹת פון מַכּוֹת: "מוֹרָא", און "גָדוֹל"), **"וּבְאֹתוֹת"** און מיט צייכנס, **שְׁתַּיִם** איז (אַ רֶמֶז אויף) צוויי מַכּוֹת

(ווײַל אותות איז לָשׁוֹן רַבִּים. – לקוטי טעמים ומנהגים), **"וּבְמוֹפְתִים"** און מיט וואונדער, **שְׁתַּיִם** איז (אַ רֶמֶז אויף) צוויי מַכּוֹת (ווײַל מוֹפְתִים איז לָשׁוֹן רַבִּים).

**אֵלּוּ** דאָס זײַנען, **עֶשֶׂר מַכּוֹת** די צען מכות, **שֶׁהֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** וואָס דער אויבערשטער האָט געבראַכט, **עַל הַמִּצְרִים** אויף די מצרים, **בְּמִצְרַיִם** אין לאַנד מִצְרַיִם, **וְאֵלּוּ הֵן** און דאָס זײַנען זיי:

ווען מען זאָגט די צען מכות זאָל מען גיסן צען גיסונגען פון דעם כּוֹס אַליין (אַזוי ווי פריער), און וואָס עס פאַרבלייבט אין כּוֹס ווערט "יסוד יין המשמח", דעריבער זאָל מען דאָס נישט אויסגיסן נאָר מען זאָל צוגיסן צו דעם נאָך ווײַן:

**דָּם** בלוט, **צְפַרְדֵּעַ** פרעש, **כִּנִּים** לײַז, **עָרוֹב** אַ צומישונג פון חַיוֹת, **דֶּבֶר** מאָרד פון בְּהֵמוֹת, **שְׁחִין** בלאָטערן, **בָּרָד** האָגל, **אַרְבֶּה** הײַשעריקן, **חֹשֶׁךְ** פינסטערניש, **מַכַּת בְּכוֹרוֹת** דער שלאָגן (הרגינען) פון בְּכוֹרִים.

**רַבִּי יְהוּדָה הָיָה נוֹתֵן** רבי יְהוּדָה האָט געגעבן, **בָּהֶם** אין זיי (אין די מַכּוֹת), **סִמָּנִים** סימנים [צו וויסן דעם סֵדֶר פון די מַכּוֹת, ווײַל אין תְּהִלִים (ע"ח, ק"ה) ווערן זיי אויסגערעכנט אין אַן אַנדער סֵדֶר – לקוטי טעמים ומנהגים], **דְּצַ"ךְ** (דָם צְפַרְדֵעַ כִּנִים), **עַדַ"שׁ** (עָרוֹב דֶבֶר שְׁחִין), **בְּאַחַ"ב** (בָּרָד אַרְבֶּה חֹשֶׁךְ בְּכוֹרוֹת).

דער רבי שרייבט אַז ער האָט נישט געפונען קיין טַעַם פאַרוואָס די נִיקוּד פון די ווערטער דצ"ח עד"ש באח"ב איז דַוְקָא אין דעם סאָרט נִיקוּד – ליקוטי טעמים ומנהגים

**רַבִּי יוֹסֵי הַגְּלִילִי אוֹמֵר** רבי יוֹסֵי הַגְלִילִי זאָגט, **מִנַּיִן אַתָּה אוֹמֵר** פון וואַנעט ווייס מען צו זאָגן, **שֶׁלָּקוּ הַמִּצְרִים** אַז די מִצְרִים זײַנען געשלאָגן (געשטראָפט) געוואָרן, **בְּמִצְרַיִם** אין מִצְרַיִם, **עֶשֶׂר מַכּוֹת** צען מכות, **וְעַל הַיָּם** און ביי דעם יַם, **לָקוּ** זײַנען זיי געשלאָגן געוואָרן, **חֲמִשִּׁים מַכּוֹת** פופציק מַכּוֹת, **בְּמִצְרַיִם** אין לאַנד מִצְרַיִם, **מַה הוּא אוֹמֵר** וואָס זאָגט דער פָּסוּק, **"וַיֹּאמְרוּ הַחַרְטֻמִּים** און די כִּישוּף מאַכעריס האָבן געזאָגט, **אֶל פַּרְעֹה** צו פַּרְעֹה (בײַ די מַכָּה פון כִּנִים), **אֶצְבַּע אֱלֹהִים הִיא"** דאָס איז אַ פינגער פון ג-ט (דאָס מיינט אַז די מַכָּה, און אַזוי אויך אַלע איבעריקע מַכּוֹת, ווערט נישט געטאָן מיט כִּישוּף, נאָר פון אויבערשטן – לקוטי טעמים ומנהגים. הייסט דאָס אַז מיט דעם פינגער פון ג-ט האָבן זיי באַקומען געשטראָפט אַלע צען מַכּוֹת), **וְעַל הַיָּם** און בײַ דעם יַם, **מַה הוּא אוֹמֵר** וואָס זאָגט דער פָּסוּק, **וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל** און די אידן האָבן געזהען, **אֶת הַיָּד הַגְּדוֹלָה** די גרויסע האַנט (די גרויסע שטאַרקייט), **אֲשֶׁר עָשָׂה יְהֹוָה** וואָס ג-ט האָט געטאָן, **בְּמִצְרַיִם** מיט די מִצְרִיִם, **וַיִּירְאוּ הָעָם** און די פאָלק האָבן מוֹרָא געהאַט, **אֶת-יְהֹוָה** פאַר ה', **וַיַּאֲמִינוּ** און זיי האָבן געגלויבט, **בַּיהֹוָה** אין ה', **וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ** און אין משֶׁה (רבינו) זיין קנעכט [באַדינער], **כַּמָּה לָקוּ** וויפל זײַנען זיי געשלאָגן געוואָרן, **בְּאֶצְבַּע** מיט אַ פינגער, **עֶשֶׂר מַכּוֹת** צען מַכּוֹת, **אֱמֹר מֵעַתָּה** זאָג פון יעצט, **בְּמִצְרַיִם** אין מִצְרַיִם, **לָקוּ** זײַנען זיי געשלאָגן געוואָרן, **עֶשֶׂר מַכּוֹת** צען

מַכּוֹת, **וְעַל הַיָּם** און אויף דעם יַם, **לָקוּ** זַיינען זֵיי געשלאָגן געוואָרן, **חֲמִשִּׁים מַכּוֹת** פופציק מַכּוֹת.

רַבִּי יוֹסִי הַגְּלִילִי, רַבִּי אֱלִיעֶזֶר און רַבִּי עֲקִיבָא קריגן זיך נישט, הַגַם אַז דער לָשׁוֹן רַבִּי פְּלוֹנִי אוֹמֵר ווייזט אויף אַ מַחְלוֹקֶת, ווייל אַנדערש וואָלט געשטאַנען אָמַר רַבִּי פְּלוֹנִי, פונדעסטוועגן געפינען מיר אויך דעם לָשׁוֹן רַבִּי פְּלוֹנִי אוֹמֵר ווען עס איז נישטאָ קיין מַחְלוֹקֶת – ליקוטי טעמים ומנהגים.

**רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר** רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זאָגט, **מִנַּיִן** פון וואַנעט ווייסן מיר, **שֶׁכָּל מַכָּה וּמַכָּה** אַז יעדע מַכָּה און מַכָּה, **שֶׁהֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** וואָס דער הייליגער אויבערשטער געבענטשט איז ער, האָט געבראַכט, **עַל הַמִּצְרִים** אויף די מִצְרִים, **בְּמִצְרַיִם** אין לאַנד מִצְרַיִם, **הָיְתָה** איז געווען, **שֶׁל אַרְבַּע מַכּוֹת** פון פיר מַכּוֹת, **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פסוק), **יְשַׁלַּח בָּם** ער שיקט אין זֵיי, **חֲרוֹן אַפּוֹ** זַיין גרימצאָרן, **עֶבְרָה** צאָרן, **וָזַעַם** און כעס (דאָס זַיינען פאַרשידענע סאָרט צאָרן), **וְצָרָה** און צָרוֹת, **מִשְׁלַחַת** אַן אָנשיקעניש, **מַלְאֲכֵי רָעִים** פון שלעכטע מַלְאָכִים.

[דער בַּעַל הַגָּדָה גֵייט יעצט ערקלערן דעם פָּסוּק]

**עֶבְרָה אַחַת** פון דער וואָרט "עֶבְרָה" האָבן מיר איין מַכָּה, **וָזַעַם שְׁתַּיִם** פון דער וואָרט "זַעַם" האָבן מיר צוויי מַכּוֹת, **וְצָרָה שָׁלֹשׁ** פון דער וואָרט "צָרָה" האָבן מיר דריי מַכּוֹת, **מִשְׁלַחַת מַלְאֲכֵי רָעִים אַרְבַּע** פון די ווערטער "מִשְׁלַחַת מַלְאֲכֵי רָעִים" האָבן מיר פיר מַכּוֹת. **אֱמוֹר מֵעַתָּה** זאָג פון יעצט, **בְּמִצְרַיִם לָקוּ** אין מִצְרַיִם זַיינען זיי געשלאָגן געוואָרן, **אַרְבָּעִים מַכּוֹת** פערציק מַכּוֹת, **וְעַל הַיָּם** און בַּיי דעם יַם, **לָקוּ** זַיינען זיי געשלאָגן געוואָרן, **מָאתַיִם מַכּוֹת** צוויי הונדערט מַכּוֹת.

**רַבִּי עֲקִיבָא אוֹמֵר** רבי עֲקִיבָא זאָגט, **מִנַּיִן** פון וואַנעט ווייסן מיר, **שֶׁכָּל מַכָּה וּמַכָּה** אַז יעדע מַכָּה און מַכָּה, **שֶׁהֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** וואָס דער הייליגער אויבערשטער געבענטשט איז ער, האָט געבראַכט, **עַל הַמִּצְרִים** אויף די מִצְרִים, **בְּמִצְרַיִם** אין לאַנד מִצְרַיִם, **הָיְתָה** איז געווען, **שֶׁל חָמֵשׁ מַכּוֹת** פון פינף מַכּוֹת, **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), **יְשַׁלַּח בָּם** ער שיקט אין זֵיי, **חֲרוֹן אַפּוֹ** זַיין גרימצאָרן, **עֶבְרָה** צאָרן, **וָזַעַם** און כַּעַס, **וְצָרָה** און צָרוֹת, **מִשְׁלַחַת** אַן אָנשיקעניש, **מַלְאֲכֵי רָעִים** פון שלעכטע מַלְאָכִים. **חֲרוֹן אַפּוֹ אַחַת** פון דער וואָרט "חֲרוֹן אַפּוֹ" האָבן מיר איין מַכָּה, **עֶבְרָה שְׁתַּיִם** פון דער וואָרט "עֶבְרָה" האָבן מיר צוויי מכות, **וָזַעַם שָׁלֹשׁ** פון דער וואָרט "וָזַעַם" האָבן מיר דריי מַכּוֹת, **וְצָרָה אַרְבַּע** פון דער וואָרט "וְצָרָה" האָבן מיר פיר מַכּוֹת, **מִשְׁלַחַת מַלְאֲכֵי רָעִים חָמֵשׁ** פון די ווערטער "מִשְׁלַחַת מַלְאֲכֵי רָעִים" האָבן מיר פינף מַכּוֹת. **אֱמוֹר מֵעַתָּה** זאָג פון יעצט, **בְּמִצְרַיִם** אין מִצְרַיִם, **לָקוּ** זַיינען זיי געשלאָגן געוואָרן, **חֲמִשִּׁים מַכּוֹת** פופציק מַכּוֹת, **וְעַל הַיָּם** און בַּיי דעם יַם, **לָקוּ** זַיינען זֵיי געשלאָגן געוואָרן, **חֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם מַכּוֹת** צוויי הונדערט און פופציק מַכּוֹת.

**דַיֵּנוּ:**

[די פסוּקִים פון דַיֵּנוּ, זאָל מען זאָגן אין אײן גאַנג, און נישט מַפְסִיק זײַן אין מיטן. – לקוטי טעמים ומנהגים]

**כַּמָּה מַעֲלוֹת טוֹבוֹת** וויפל גוטע זאַכן, **לַמָּקוֹם עָלֵינוּ** האָט דער אויבערשטער געטאָן פאַר אונז, **אִלּוּ הוֹצִיאָנוּ** אויב ער וואָלט אונז נאָר אַרויסגעצויגן, **מִמִּצְרַיִם** פון מִצְרַיִם, **וְלֹא עָשָׂה** און ער וואָלט ניט געטאָן, **בָּהֶם** אין זיי (אין די מִצְרִים), **שְׁפָטִים** שטראָפן, **דַיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ עָשָׂה** אויב ער וואָלט געטאָן, **בָּהֶם** אין זיי (אין די מִצְרִים), **שְׁפָטִים** שטראָפן, **וְלֹא עָשָׂה** און ער וואָלט נישט געטאָן, **בֵּאלֹהֵיהֶם** אין זײַערע אָפּ-געטער (געטשקעס), **דַיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ עָשָׂה** ווען ער וואָלט נאָר געטאָן (געשטראָפט), **בֵּאלֹהֵיהֶם** אין זײַערע אָפּ-געטער [געטשקעס], **וְלֹא הָרַג** און וואָלט נישט געהרג׳עט, **אֶת בְּכוֹרֵיהֶם** זײַערע בְּכוֹרִים [ערשט געבוירענע], **דַיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ הָרַג** אויב ער וואָלט געהרג׳עט, **אֶת בְּכוֹרֵיהֶם** זײַערע בְּכוֹרִים, **וְלֹא נָתַן לָנוּ** און ער וואָלט אונז נישט געגעבן, **אֶת מָמוֹנָם** זײַערע געלט, **דַיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ נָתַן לָנוּ** אויב ער וואָלט געגעבן צו אונז, **אֶת מָמוֹנָם** זײַערע געלט, **וְלֹא קָרַע** און ער וואָלט נישט צוריסן (געשפּאָלטן), **לָנוּ** פאַר אונז, **אֶת הַיָּם** דעם יַם, **דַיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ קָרַע לָנוּ** אויב ער וואָלט צוריסן [געשפּאָלטן] פאַר אונז, **אֶת הַיָּם** דעם יַם, **וְלֹא הֶעֱבִירָנוּ** און ער וואָלט אונז ניט דורך געפירט, **בְּתוֹכוֹ** אין אים, **בֶּחָרָבָה** אין די טרוקעניש [נאָר אין אַביסל וואַסער, אין בלאָטע – ליקוטי טעמים ומנהגים], **דַיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ הֶעֱבִירָנוּ** אויב ער וואָלט אונז דורכגעפירט, **בְּתוֹכוֹ** אין אים, **בֶּחָרָבָה** אין די טרוקעניש, **וְלֹא שִׁקַּע** און וואָלט נישט אײַנגעזונקען, **צָרֵינוּ** אונזערע פײַנט, **בְּתוֹכוֹ** אין אים, **דַיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ שִׁקַּע** אויב ער וואָלט אײַנגעזונקען, **צָרֵנוּ** אונזערע פײַנט, **בְּתוֹכוֹ** אין אים, **וְלֹא סִפֵּק** און ער וואָלט נישט באַזאָרגט, **צָרְכֵּינוּ** אונזערע באַדערפענישן, **בַּמִּדְבָּר** אין מִדְבָּר (און מיר וואָלטן געדאַרפט קויפן אונזערע באַדערפענישן פון די תַּגְרֵי אוּמּוֹת הָעוֹלָם – פון די סוֹחֲרִים פון די אַנדערע פעלקער וואָס זײַנען אַרום געפאָרן און פאַרבײַ געגאַנגען אויך דעם מִדְבָּר – ליקוטי טעמים ומנהגים), **אַרְבָּעִים שָׁנָה** פערציק יאָר, **דַיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ סִפֵּק** אויב ער וואָלט באַזאָרגט, **צָרְכֵּנוּ** אונזערע באַדערפענישן, **בַּמִּדְבָּר** אין מִדְבָּר, **אַרְבָּעִים שָׁנָה** פערציק יאָר, **וְלֹא הֶאֱכִילָנוּ** און ער וואָלט אונז נישט געגעבן צו עסן, **אֶת הַמָּן** דעם מָן, **דַיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ הֶאֱכִילָנוּ** אויב ער וואָלט אונז געגעבן עסן **אֶת הַמָּן** דעם מָן, **וְלֹא נָתַן לָנוּ** און ער וואָלט אונז נישט געגעבן, **אֶת הַשַּׁבָּת** דעם שַׁבָּת, **דַיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ נָתַן לָנוּ** אויב ער וואָלט אונז געגעבן, **אֶת הַשַּׁבָּת** דעם שַׁבָּת, **וְלֹא קֵרְבָנוּ** און ער וואָלט אונז נישט

דערנענטערט, **לִפְנֵי הַר סִינַי** פאַר דעם באַרג סיני, **דַּיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ קֵרְבָנוּ** אויב ער וואָלט אונז דערנענטערט, **לִפְנֵי הַר סִינַי** פאַר דעם באַרג סִינַי (און מיר וואָלטן געהערט די עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת – ליקוטי טעמים ומנהגים), **וְלֹא נָתַן לָנוּ אֶת הַתּוֹרָה** און ער וואָלט אונז נישט געגעבן די תורה, **דַּיֵּנוּ** וואָלט געווען גענוג פאַר אונז. **אִלּוּ נָתַן לָנוּ אֶת הַתּוֹרָה** אויב ער וואָלט אונז געגעבן די תורה, **וְלֹא הִכְנִיסָנוּ** און ער וואָלט אונז נישט אַריינגעבראַכט, **לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** צו אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **דַּיֵּנוּ** וואָלט אונז גענוג געווען. **אִלּוּ הִכְנִיסָנוּ** אויב ער וואָלט אונז אַרײַנגעבראַכט, **לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** צו אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **וְלֹא בָּנָה לָנוּ** און ער וואָלט נישט געבויט פאַר אונז, **אֶת בֵּית הַבְּחִירָה** די אויסדערווײַלטע הויז (דעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ), **דַּיֵּנוּ** וואָלט גענוג געווען פאַר אונז.

**עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה** וויפל און וויפל מער, דאַרפן מיר לויבן, **טוֹבָה כְּפוּלָה וּמְכֻפֶּלֶת** פאַר אַ דאָפּעלטע און געדאָפּעלטע גוטסקייט, **לַמָּקוֹם עָלֵינוּ** וואָס דער איבערשטער האָט געטאָן פאַר אונז, **שֶׁהוֹצִיאָנוּ** וואָס ער האָט אונז אַרויסגעצויגן, **מִמִּצְרַיִם** פון לאַנד מִצְרַיִם, **וְעָשָׂה בָהֶם שְׁפָטִים** און ער האָט געמאַכט אין זיי שטראָפן, **וְעָשָׂה בֵאלֹהֵיהֶם** און ער האָט געמאַכט שטראָפן אין זייערע אָפּגעטער [געטשקעס], **וְהָרַג אֶת בְּכוֹרֵיהֶם** און ער האָט גע'הרג'עט זייערע בְּכוֹרִים, **וְנָתַן לָנוּ אֶת מָמוֹנָם** און ער האָט אונז געגעבן זייערע געלט, **וְקָרַע לָנוּ** און ער האָט צוריסן (געשפּאָלטן) פאַר אונז, **אֶת הַיָּם** דעם ים, **וְהֶעֱבִירָנוּ** און ער האָט אונז דורכגעפירט, **בְּתוֹכוֹ** אין אים, **בֶּחָרָבָה** אין טרוקעניש, **וְשִׁקַּע צָרֵינוּ בְּתוֹכוֹ** און ער האָט אײַנגעזונקען אונזערע פײַנט אין יַם, **וְסִפֵּק צָרְכֵּנוּ בַּמִּדְבָּר** און ער האָט באַזאָרגט אונזערע באַדערפענישן אין מִדְבָּר, **אַרְבָּעִים שָׁנָה** פערציק יאָר, **וְהֶאֱכִילָנוּ אֶת הַמָּן** און ער האָט אונז געגעבן צו עסן דעם מָן, **וְנָתַן לָנוּ אֶת הַשַּׁבָּת** און ער האָט אונז געגעבן דעם שַׁבָּת, **וְקֵרְבָנוּ לִפְנֵי הַר סִינַי** און ער האָט אונז דערנענטערט פאַר דעם באַרג סיני, **וְנָתַן לָנוּ אֶת הַתּוֹרָה** און ער האָט אונז געגעבן די תּוֹרָה, **וְהִכְנִיסָנוּ** און ער האָט אונז אַריינגעבראַכט, **לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** צו אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **וּבָנָה לָנוּ** און ער האָט געבויט פאַר אונז, **אֶת בֵּית הַבְּחִירָה** די אויסדערווײלטע הויז (דעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ), **לְכַפֵּר** צו פאַרגעבן, **עַל כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ** אויף אַלע אונזערע זינד (דורך די קָרְבָּנוֹת וועלכע מיר זײַנען דאָרט מקריב).

**רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָיָה אוֹמֵר** רַבָּן גַמְלִיאֵל פלעגט זאָגן, **כָּל שֶׁלֹּא אָמַר** דער וואָס האָט נישט געזאָגט, **שְׁלֹשָׁה דְבָרִים אֵלּוּ בַּפֶּסַח** די (טַעֲמִים פון די – לקוטי טעמים ומנהגים) דרײַ זאַכן אין פֶּסַח, **לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָתוֹ** האָט נישט יוֹצֵא געווען די מִצְוָה (פון הַגָּדָה) (ווי עס דאַרף צו זײַן, אָבער מִדְאוֹרַיְיתָא איז ער יע יוֹצֵא – ליקוטי טעמים ומנהגים), **וְאֵלּוּ**

**הֵן:** און דאָס זענען זײַ, **פֶּסַח** (דער טַעַם פון קָרְבָּן) פֶּסַח, **מַצָּה** (דער טַעַם פון עסן) מַצָּה, **וּמָרוֹר** (און דער טַעַם פון עסן) מָרוֹר.

**פֶּסַח** דער קָרְבָּן פֶּסַח, **שֶׁהָיוּ אֲבוֹתֵינוּ אוֹכְלִים** וואָס אונזערע עלטערן פלעגן עסן, **בִּזְמַן** אין די צייט, **שֶׁבֵּית הַמִּקְדָּשׁ** וואָס די בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, **קַיָּם** איז געשטאַנען, **עַל שׁוּם מָה** צוליב וואָס [האָט מען דאָס געטאָן]? **עַל שׁוּם** צוליב דעם, **שֶׁפָּסַח הַמָּקוֹם** וואָס דער אויבערשטער האָט איבערגעהיפּט [איבערגעשפּרונגען], **עַל בָּתֵּי אֲבוֹתֵינוּ** איבער די הײַזער פון אונזערע עלטערן, **בְּמִצְרַיִם** אין מִצְרַיִם, **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטײַט (אין פָּסוּק), **וַאֲמַרְתֶּם** און איר זאָלט זאָגן [צו אײַערע קינדער], **זֶבַח פֶּסַח הוּא לַיהֹוָה** דאָס איז אַ קרבן פסח צו ה׳, **אֲשֶׁר פָּסַח** ווייל ער האָט איבערגעהיפּט, **עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל** איבער די הײַזער פון די אידישע קינדער, **בְּמִצְרַיִם** אין מִצְרַיִם, **בְּנָגְפּוֹ** ווען ער האָט געפּלאָגט [געשלאָגן], **אֶת מִצְרַיִם** די [בְּכוֹרִים פון] מִצְרִים, **וְאֶת בָּתֵּינוּ** און אונזערע הײַזער, **הִצִּיל** האָט ער געראַטעוועט, **וַיִּקֹּד הָעָם** און די פאָלק [די אידן] האָבן זיך געקניעט, **וַיִּשְׁתַּחֲווּ** און האָבן זיך געבוקט.

ער נעמט די צובראָכענע שטיקל מַצָּה אין האַנט און זאָגט די פאָלגענדע: (סידור)

דער מִנְהָג איז צו אָנהאַלטן די צווייטע און דריטע מַצָּה, דורך די מַצָּה-דעקל וואָס איז אויף זיי, ביז נאָכדעם וואָס ער זאָגט די צווייטע "עַל שׁוּם". (לקוטי טעמים ומנהגים)

**מַצָּה זוֹ** אָט די מַצָּה, **שֶׁאָנוּ אוֹכְלִים** וואָס מיר עסן, **עַל שׁוּם מָה** צוליב וואָס [עסן מיר דאָס]? **עַל שׁוּם** צוליב דעם, **שֶׁלֹּא הִסְפִּיק** ווײַל עס איז נישט געווען גענוג צײַט, **בְּצֵקָת** פאַר די טייג, **שֶׁל אֲבוֹתֵינוּ** פון אונזערע עלטערן, **לְהַחְמִיץ** צו אויף געבלאָזן ווערן [צו ווערן חָמֵץ], **עַד שֶׁנִּגְלָה עֲלֵיהֶם** אײדער עס האָט זיך אַנפּלעקט [באַוויזן] פאַר זיי, **מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים** דער קעניג איבער קעניגן פון קעניגן, **הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** דער הייליגער אויבערשטער געבענטשט איז ער, **וּגְאָלָם** און ער האָט זיי אויסגעלייזט, **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), **וַיֹּאפוּ אֶת הַבָּצֵק** און זיי האָבן געבאַקן די טייג, **אֲשֶׁר הוֹצִיאוּ מִמִּצְרַיִם** וואָס זיי האָבן אַרויסגענומען פון מִצְרַיִם, **עֻגֹת מַצּוֹת** קיכלאַך מַצוֹת, **כִּי לֹא חָמֵץ** ווײַל עס איז נישט אויפגעבלאָזן געוואָרן [עס איז נישט געוואָרן חמץ], **כִּי גֹרְשׁוּ** ווײַל זיי זײַנען פאַרטריבן געוואָרן, **מִמִּצְרַיִם** פון מִצְרַיִם, **וְלֹא יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ** און זיי האָבן נישט געקענט פאַרזוימען, **וְגַם צֵדָה** און אויך שפּײַז [פאַר די וועג], **לֹא עָשׂוּ לָהֶם** האָבן זיי נישט געמאַכט פאַר זיך.

ער נעמט די מָרוֹר אין זײַן האַנט און ער זאָגט די פאָלגענדע. (סידור)

דער מִנְהָג איז, אַוועקלייגן די האַנט אויף די מָרוֹר און די כּוֹרֶךְ ביז נאָכדעם וואָס ער זאָגט די צווייטע "עַל שׁוּם". (ליקוטי טעמים ומנהגים)

**מָרוֹר זֶה** די מָרוֹר, **שֶׁאָנוּ אוֹכְלִים** וואָס מיר עסן, **עַל שׁוּם מָה** צוליב וואָס [עסן מיר דאָס]? **עַל שׁוּם** צוליב דעם, **שֶׁמֵּרְרוּ הַמִּצְרִים** וואָס די מִצְרִים האָבן

פאַרביטערט, **אֶת חַיֵּי** דאָס לעבן, **אֲבוֹתֵינוּ** פון אונזערע עלטערן, **בְּמִצְרַיִם** אין מִצְרַיִם, **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), **וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם** און זיי האָבן פאַרביטערט זייער לעבן, **בַּעֲבֹדָה קָשָׁה** מיט שווערע אַרבעט, **בְּחֹמֶר** מיט ליים, **וּבִלְבֵנִים** און מיט ציגל, **וּבְכָל עֲבֹדָה** און מיט אַלע סאָרט אַרבעט, **בַּשָּׂדֶה** אין פעלד, **אֵת כָּל עֲבֹדָתָם** אַלע זייער אַרבעט, **אֲשֶׁר עָבְדוּ בָהֶם** וואָס זיי [די מִצְרַיִם] האָבן זיי געצוואונגען צו אַרבעטן, **בְּפָרֶךְ** איז געווען מיט שווערע אַרבעט [וואָס צוברעכט דעם גוף].

**בְּכָל דּוֹר וָדוֹר** אין יעדן דור און דור (און יעדן טאָג און טאָג – ליקוט טעמים ומנהגים), **חַיָּב אָדָם** מוז דער מענטש, **לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ** צו באַטראַכטן [פאָרשטעלן] זיך, **כְּאִלּוּ** גלייך ווי, **הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם** ער אַליין איז אַרויסגעגאַנגען (היינט – ליקוט טעמים ומנהגים) פון מִצְרַיִם, **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), **וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ** און דו זאָלסט דערציילן פאַר דיין זון, **בַּיּוֹם הַהוּא** אין יענעם טאָג [פון פסח], **לֵאמֹר** אַזוי צו זאָגן, **בַּעֲבוּר זֶה** צוליב דעם [וואָז איך זאָל מְקַיֵּים זיין די מִצְוֹות], **עָשָׂה יְהוָֹה לִי** האָט ה׳ געטאָן פאַר מיר (די נִסִּים), **בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם** ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, **לֹא אֶת אֲבוֹתֵינוּ בִּלְבָד** נישט נאָר אונזערע עלטערן אַליין, **גָּאַל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** האָט דער הייליגער אויבערשטער געבענטשט איז ער, אויסגעלייזט, **אֶלָּא אַף אוֹתָנוּ** נאָר אויך אונז, **גָּאַל** האָט ער אויסגעלייזט, **עִמָּהֶם** מיט זיי, **שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), **וְאוֹתָנוּ** און אונז, **הוֹצִיא** האָט ער אַרויסגענומען, **מִשָּׁם** פון דאָרט, **לְמַעַן הָבִיא אוֹתָנוּ** כְּדֵי אונז צו ברענגען, **לָתֶת לָנוּ** צו אונז געבן, **אֶת הָאָרֶץ** די לאַנד, **אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבוֹתֵינוּ** וואָס ער האָט געשוואוירן צו אונזערע עלטערן [אַז ער וועט דאָס, אונז געבן].

ער זאָל צודעקן די מַצָּה און אויפהויבן דעם כּוֹס, און עס האַלטן אין זיין האַנט ביז די ענדע פון די בְּרָכָה פון אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ. (סידור)

דער מִנְהָג איז אויפצוהויבן און האַלטן דעם כּוֹס אין האַנט ביז נאָך דעם וואָס ער זאָגט "וְנֹאמַר לְפָנָיו הַלְלוּיָהּ", דערנאָך שטעלט ער אַראָפּ דעם כּוֹס אויפן טיש, און ער הויבט אויף דעם כּוֹס נאָכאַמאָל ביי די בְּרָכָה פון "אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ". (לקוטי טעמים ומנהגים)

[מיר זאָגן דאָ צען לְשׁוֹנוֹת פון שֶׁבַח – לויב, וואָס דער העכסטער לָשׁוֹן איז הַלְלוּיָהּ, וואָס אין איין וואָרט איז דאָ, סיי אַ שֵׁם הַשֵּׁם און סיי אַ שֶׁבַח – אַ לויב, וואָס די צען לְשׁוֹנוֹת זיינען קעגן די צען לְשׁוֹנוֹת פון שֶׁבַח וואָס דָוִד הַמֶּלֶךְ זאָגט אין תְּהִלִּים – ליקוט טעמים ומנהגים].

**לְפִיכָךְ** דעריבער, **אֲנַחְנוּ חַיָּבִים** איז עס אונזער חוב [פליכט] [מוזן מיר], **לְהוֹדוֹת** צו דאַנקען, **לְהַלֵּל** צו לויבן, **לְשַׁבֵּחַ** צו באַרימען, **לְפָאֵר** צו באַשיינען, **לְרוֹמֵם** צו דערהויבן, **לְהַדֵּר** צו פאַרהערליכן, **לְבָרֵךְ** צו בענטשן, **לְעַלֵּה** צו הויכשעצן, **וּלְקַלֵּס**

און צו אָפּגעבן כָּבוֹד, **לְמִי שֶׁעָשָׂה** צו דער וואָס האָט געטאָהן, **לַאֲבוֹתֵינוּ** פאַר אונזערע עלטערן, **וְלָנוּ** און פאַר אונז, **אֶת כָּל הַנִסִּים הָאֵלּוּ** די אַלע דאָזיגע נִסִים, **הוֹצִיאָנוּ** ער האָט אונז אַרויס גענומען, **מֵעַבְדוּת** פון קנעכטשאַפט [פאַרשקלאַפונג], **לְחֵרוּת** צו פרײַהײַט, **מִיָּגוֹן** פון טרויער, **לְשִׂמְחָה** צו פרייד, **וּמֵאֵבֶל** און פון קלאָג, **לְיוֹם טוֹב** צו אַ יום טוֹב, **וּמֵאֲפֵלָה** און פון אַ שטאַרקע פינסטערניש, **לְאוֹר גָּדוֹל** צו גרויס ליכטיגקײַט, **וּמִשִּׁעְבּוּד** און פון אונטערטעניגקײַט, **לִגְאוּלָּה** צו אויסלייזונג, **וְנֹאמַר לְפָנָיו** [דעריבער] לאָמיר זאָגן פאַר אים, **הַלְלוּיָהּ** לויבט ג-ט.

[מען זאָגט הַלֵל אין די נאַכט פון פֶּסַח, אַזוי ווי די אידן האָבן געזאָגט הַלֵל ווען זיי זײַנען אַרויס געגאַנגען פון מִצְרַיִם.

מען מאַכט נישט קיין בְּרָכָה אויף די הַלֵל, ווײַל מען איז מַפְסִיק אין מיטן הַלֵל מיט די סְעוּדָה פון שׁוּלְחָן עוֹרֵךְ.

אין די נאַכט פון סֵדֶר זאָגט מען הַלֵל זיצענדיקערהייט (כאָטש אַז הַלֵל זאָגט מען אַלעמאָל שטייענדיק) ווײַל אַלעס וואָס מען טוט די נאַכט, טוט מען דֶרֶךְ חֵירוּת – אין אַ וועג פון פרײַהײַט.

די ערשטע צוויי קאַפּיטלאַך פון הַלֵל רעדט זיך וועגן יְצִיאַת מִצְרַיִם, קְרִיעַת יַם סוּף און מַתַּן תּוֹרָה אַלעס וועגן דעם פאַרגאַנגענהײַט, איז מען מַפְסִיק נאָכדעם און מען זאָגט די בְּרָכָה אֲשֶׁר גְאָלָנוּ און מען עסט די מַצָּה אַלעס אַ זִכָּרוֹן אויף דעם עָבַר. – ליקוטי טעמים ומנהגים].

**הַלְלוּיָהּ** לויבט גָ-ט, **הַלְלוּ** לויבט (ה׳), **עַבְדֵי יְיָ** (איר) די וואָס דינען ה׳, **הַלְלוּ** לויבט, **אֶת-שֵׁם יְיָ** דעם נאָמען פון ה׳. **יְהִי** עס זאָל זיין, **שֵׁם יְיָ** דער נאָמען פון ה׳, **מְבֹרָךְ** געבענטשט, **מֵעַתָּה** פון איצט, **וְעַד-עוֹלָם** ביז אייביג. **מִמִּזְרַח-שֶׁמֶשׁ** פון ווען די זון גייט אויף (פון מזרח זייט וואו די זון שיינט), **עַד-מְבוֹאוֹ** ביז די זון גייט אונטער (ביז מַעֲרָב זײַט וואו די זון גייט אונטער), **מְהֻלָּל** ווערט געלויבט, **שֵׁם יְיָ** דער נאָמען פון ה׳. **רָם** דערהויבן, **עַל-כָּל-גּוֹיִם** איבער אַלע פעלקער, **יְיָ** איז ה׳, **עַל הַשָּׁמַיִם** (ביז) איבערן הימל, **כְּבוֹדוֹ** איז זײַן כָּבוֹד (הערליכקײַט), **מִי** ווער איז, **כַּיְיָ אֱלֹהֵינוּ** אַזוי ווי ה׳ אונזער גָ-ט, **הַמַּגְבִּיהִי לָשָׁבֶת** וואָס זיצט גאָר הויך. **הַמַּשְׁפִּילִי לִרְאוֹת** (אָבער) נידערט אַראָפּ צו זעהן, **בַּשָּׁמַיִם** וואָס איז אויף דעם הימל. **וּבָאָרֶץ** און וואָס איז אויף דער ערד. **מְקִימִי** ער שטעלט אויף, **מֵעָפָר** פון (די) שטויב, **דָל** דעם אָרימאַן, **מֵאַשְׁפֹּת** פון מיסט-פלאַץ, **יָרִים** דערהויבט ער, **אֶבְיוֹן** דער גאָר נויטיגער (זייער אָרים). **לְהוֹשִׁיבִי** צו אים זעצן, **עִם-נְדִיבִים** מיט חָשוּבִ׳ע מענטשן, **עִם נְדִיבֵי** מיט די חָשוּבִ׳ע מענטשן, **עַמּוֹ** פון זײַן פאָלק. **מוֹשִׁיבִי** ער באַזעצט (בײַט איבער), **עֲקֶרֶת הַבַּיִת** די אום פרוכטבאַרע פרוי (אָן קינדער) פון הויז, **אֵם-הַבָּנִים** צו אַ מוטער פון קינדער, **שְׂמֵחָה** אַ פרײלעכע, **הַלְלוּיָהּ** לויבט גָ-ט.

**בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל** ווען יִשְׂרָאֵל (די אידן) זַיינען אַרױסגעגאַנגען, **מִמִּצְרָיִם** פון מִצְרַיִם, **בֵּית יַעֲקֹב** דאָס הױז (קינדער) פון יַעֲקֹב, **מֵעַם לֹעֵז** פון אַ פאָלק פון אַ פרעמדע שפּראַך. **הָיְתָה יְהוּדָה** איז יְהוּדָה (דעמאָלט) געוואָרן, **לְקָדְשׁוֹ** זַיין הײליג (פאָלק), **יִשְׂרָאֵל** יִשְׂרָאֵל (די אידן), **מַמְשְׁלוֹתָיו** זַיין געוועלטיקונג, **הַיָּם רָאָה** דער יַם האָט (דאָס) געזעהן, **וַיָּנֹס** און ער איז אַנטלאָפן (קְרִיעַת יַם סוּף), **הַיַּרְדֵּן** דער יַרְדֵן, **יִסֹּב לְאָחוֹר** האָט זיך געקערט אויף צוריק (כְּרִיתַת מֵי הַיַּרְדֵּן). **הֶהָרִים רָקְדוּ** די בערג האָבן געשפּרונגען, **כְאֵילִים** ווי באַראַנען (ווידער), **גְּבָעוֹת** די הױכקײטן (האָבן געשפּרונגען ווידער), **כִּבְנֵי-צֹאן** ווי יונגע שאָף (מַעֲמַד הַר סִינַי). **מַה-לְּךָ הַיָּם** וואָס איז צו דיר, יַם, **כִּי תָנוּס** וואָס דו אַנטלױפסט, **הַיַּרְדֵּן** (וואָס איז צו דיר) יַרְדֵן, **תִּסֹּב לְאָחוֹר** וואָס דו קערסט זיך אויף צוריק. **הֶהָרִים** (וואָס איז אַייך) די בערג, **תִּרְקְדוּ** וואָס איר שפּרינגט, **כְאֵילִים** ווי באַראַנען (ווידער), **גְּבָעוֹת** (וואָס איז אַייך) די הױכקײטן, **כִּבְנֵי-צֹאן** (וואָס איר שפּרינגט) ווי יונגע שאָף. **מִלִּפְנֵי אָדוֹן** (מיר טוען דאָס) פאַר דער האַר, **חוּלִי אָרֶץ** דער באַשאַפער פון די ערד, **מִלִּפְנֵי** פאַר, **אֱלוֹהַּ יַעֲקֹב** דער גָ-ט פון יַעֲקֹב, **הַהֹפְכִי** וועלכע פאַרוואַנדלט, **הַצּוּר** דעם פעלזן-שטײן, **אֲגַם-מָיִם** (אין) אַ טַייך פון וואַסער, **חַלָּמִישׁ** דעם קיזעל-שטײן, **לְמַעְיְנוֹ-מָיִם** אין קוואַלן פון וואַסער.

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** (דער) קעניג פון דער וועלט, **אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ** וואָס האָט אונז אויסגעלײזט, **וְגָאַל** און ער האָט אויסגעלײזט, **אֶת אֲבוֹתֵינוּ** אונזערע עלטערן, **מִמִּצְרַיִם** פון מצרים, **וְהִגִּיעָנוּ** און ער האָט אונז געמאַכט דערגרײכן, **הַלַּיְלָה הַזֶּה** צו די דאָזיקע נאַכט, **לֶאֱכָל בּוֹ** צו עסן אין אים, **מַצָּה וּמָרוֹר** מצה און מרור, **כֵּן** אַזוי אויך, **יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער ג-ט, **וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ** און דער ג-ט פון אונזערע עלטערן, **יַגִּיעֵנוּ** זאָלסטו אונז מאַכן דערגרײכן, **לְמוֹעֲדִים** צו באַשטימטע צַייטן [רֹאשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם כִּפּוּר – ליקוטי טעמים ומנהגים], **וְלִרְגָלִים** און יָמִים טוֹבִים [פֶּסַח, שָׁבוּעוֹת, און סוּכּוֹת – ליקוטי טעמים ומנהגים], **אֲחֵרִים** נאָך, אַנדערע, **הַבָּאִים לִקְרָאתֵנוּ** וועלכע קומען אַנקעגן אונז, **לְשָׁלוֹם** מיט שלום, **שְׂמֵחִים** מיר זאָלן זיך פרײען, **בְּבִנְיַן עִירֶךָ** מיט דעם אויפבוי פון דַיין שטאָט, **וְשָׂשִׂים** און מיר זאָלן זַיין לוסטיג, **בַּעֲבוֹדָתֶיךָ** מיט דַיין עבודה [פון קָרְבָּנוֹת, אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ], **וְנֹאכַל שָׁם** און מיר זאָלן עסן דאָרטן, **מִן הַזְּבָחִים** פון די קרבנות [חֲגִיגָה], **וּמִן הַפְּסָחִים** און פון דעם קָרְבָּן פֶּסַח (אום מוצאי שבת זאָגט מען : **מִן הַפְּסָחִים** פון דעם קָרְבָּן פֶּסַח, **וּמִן הַזְּבָחִים** און פון די קרבנות [חֲגִיגָה]), **אֲשֶׁר יַגִּיעַ דָּמָם** וואָס זײער בלוט וועט דערגרײכן [געשפּריצט ווערן], **עַל קִיר מִזְבַּחֲךָ** אויף די וואַנט פון דַיין מִזְבֵּחַ, **לְרָצוֹן** צו באַוויליגונג, **וְנוֹדֶה לְּךָ** און מיר וועלן דיר דאַנקען, **שִׁיר חָדָשׁ** מיט אַ נײעם געזאַנג, **עַל גְּאֻלָּתֵנוּ** פאַר אונזער אויסלײזונג, **וְעַל פְּדוּת נַפְשֵׁנוּ** און אויף

די אויסלייזונג פון אונזער זעהלע [נשמה]. **בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְהֹוָה** ה׳, **גָּאַל יִשְׂרָאֵל** וואָס דו האָסט אויסגעלייזט די אידן.

ער מאַכט אַ בְּרָכָה און טרינקט אָנגעלענטערהייט:

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** (דער קעניג פון דער וועלט, **בּוֹרֵא** דער וואָס באַשאַפט, **פְּרִי הַגָּפֶן** די פרוכט פון דעם ווײַנשטאָק.

**רָחְצָה:**

נאָכדעם וואַשט ער די הענט, און ער מאַכט די בְּרָכָה "עַל נְטִילַת יָדָיִם".

**מוֹצִיא:**

ער זאָל נעמען די מַצוֹת ווי די סֵדֶר וואָס ער האָט זיי אָוועקגעלייגט, די צובראָכענע מַצָה צווישן די צוויי גאַנצע מַצוֹת, ער זאָל זיי האַלטן אין האַנט און זאָגן די פאָלגענדע בְּרָכָה:

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** (דער קעניג פון דער וועלט, **הַמּוֹצִיא** דער וואָס ברענגט אַרויס, **לֶחֶם** ברויט, **מִן הָאָרֶץ** פון דער ערד.

**מַצָה:**

ער זאָל נישט צוברעכן יעצט די מַצוֹת נאָר ער זאָל לאָזן די דריטע מַצָה אַראָפּפאַלן פון זײַן האַנט, און ער זאָל מאַכן די פאָלגענדע בְּרָכָה אויף די צובראָכענע מַצָה און די אויבערשטע מַצָה אײדער ער צוברעכט דאָס, און ער זאָל אין זינען האָבן צו פַּטְרְ׳ן מיט די בְּרָכָה אויך דאָס וואָס ער וועט עסן כּוֹרֵךְ פון די דריטע מַצָה, און אויך דאָס עסן די אַפִיקוֹמָן זאָל גע׳פַּטְרְ׳ט ווערן מיט די בְּרָכָה. (סידור)

[ווײַבאַלד אַז מען דאַרף אין זינען האָבן די בְּרָכָה "עַל אֲכִילַת מַצָּה" אויך אויף די כּוֹרֵךְ, דעריבער זאָל ער נישט אויסריידן קיינע רייד וואָס איז נישט מֵעִנְיְנֵי הַסְעוּדָה צווישן די בְּרָכָה און עסן כּוֹרֵךְ. אָבער דאָס וואָס מען האָט אין זינען אויך צו פַּטְרְ׳ן דעם אַפִּיקוֹמָן איז דאָס נאָר אַ חוּמְרָא יְתֵירָה, דעריבער דאַרף מען זיך נישט אָפּהיטן פון ריידן ביז דעם אַפִּיקוֹמָן. — לקוטי טעמים ומנהגים]

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְהֹוָה** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער ג-ט, **מֶלֶךְ** דער קעניג, **הָעוֹלָם** פון די וועלט, **אֲשֶׁר** וואָס, **קִדְּשָׁנוּ** ער האָט אונז געהייליגט, **בְּמִצְוֹתָיו** מיט זײַנע מִצְוֹת, **וְצִוָּנוּ** און ער האָט אונז אָנגעזאָגט, **עַל אֲכִילַת מַצָּה** אויף צו עסן מַצָה.

**מָרוֹר:**

און דערנאָך זאָל ער אָפּברעכן אַ כְּזַיִת פון יעדער פון די צוויי מַצוֹת און ער עסט זיי צוזאַמען, אָנגעלענטערהייט. (סידור)

[מען דאַרף אַרײַן לייגן אין מויל צוזאַמען, דעם כְּזַיִת פון די ערשטע מַצָה, צוזאַמען מיט דעם כזית פון די צווייטע מַצָה, כדי אַז עס זאָל נישט זײַן קיין הֶפְסֵק צווישן די בְּרָכָה

"עַל אֲכִילַת מַצָּה" און עסן דעם כְּזַיִת מַצָּה וואָס איז שַׁיָּיך צו די בְּרָכָה, ווײַל עס איז דאָך דאָ צוויי דֵיעוֹת צי עס גייט אויף דעם כְּזַיִת פון די ערשטע מַצָּה אָדער אויף דעם כְּזַיִת פון די צווייטע מַצָּה, זאָל ער דאָס אַרײַן לייגן אין מויל צוזאַמען. – ליקוטי טעמים ומנהגים]

[מען טונקט נישט איין די מַצָּה אין זאַלץ, צוליב די חִיבּוּב מִצְוָה, אַז די מַצָּה זאָל נישט האָבן קיין אַריינמישונג פון קיין אַנדער טַעַם. – ליקוטי טעמים ומנהגים]

דערנאָך נעמט ער אַ כְּזַיִת מָרוֹר, און ער טונקט דאָס איין אין חֲרוֹסֶת, און ער זאָל אָפּשאָקלען די חֲרוֹסֶת כְּדֵי אַז עס זאָל נישט אָפּשוואַכן דעם בִּיטערן טַעַם און ער זאָל מאַכן די פאָלגענדע בְּרָכָה. (סידור)

[ווען מען מאַכט די בְּרָכָה "עַל אֲכִילַת מָרוֹר" דאַרף מען אויך אין זינע האָבן די מָרוֹר וואָס ער וועט עסן אין כּוֹרֵךְ. (לקוטי טעמים ומנהגים)]

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְהֹוָה** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער ג-ט, **מֶלֶךְ** דער קעניג, **הָעוֹלָם** פון די וועלט, **אֲשֶׁר** וואָס, **קִדְּשָׁנוּ** ער האָט אונז געהייליגט, **בְּמִצְוֹתָיו** מיט זיינע מצות, **וְצִוָּנוּ** און ער האָט אונז אָנגעזאָגט, **עַל אֲכִילַת מָרוֹר** אויף צו עסן מָרוֹר.

און ער זאָל דאָס עסן נישט אָנגעלענטערהייט.

## כּוֹרֵךְ:

נאָכדעם נעמט ער די דריטע מַצָּה, און ער נעמט פון די חַזֶרֶת אַ שִׁיעוּר פון אַ כְּזַיִת מיט איר, ער טונקט דאָס איין אין חֲרוֹסֶת, ער לייגט די חַזֶרֶת איינגעוויקלט צווישן צוויי שטיקלאַך מַצָּה און ער זאָגט די פאָלגענדע. – סידור

[נאָר די חַזֶרֶת און נישט די מַצָּה טונקט מען איין אין חֲרוֹסֶת. און די וואָס היטן זיך פון עסן מַצָּה שְׁרוּיָה טונקען נישט איין, נאָר מען לייגט אַרויף טרוקענע חֲרוֹסֶת אויף די חַזֶרֶת, און דערנאָך שאָקלט מען דאָס אָפּ. – לקוטי טעמים ומנהגים]

**כֵּן עָשָׂה הִלֵּל** אַזוי האָט הלל געטאָהן, **בִּזְמַן** אין די צייט, **שֶׁבֵּית הַמִּקְדָּשׁ** וואָס דער בית המקדש, **הָיָה קַיָּם** איז געשטאַנען, **הָיָה כּוֹרֵךְ** ער האָט צוזאַמען געוויקלט, **פֶּסַח** דעם קָרְבָּן פֶּסַח, **מַצָּה** מיט מצה, **וּמָרוֹר** און מיט מָרוֹר, **וְאוֹכֵל בְּיַחַד** און ער האָט דאָס געגעסן אין איינעם, **כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוי ווי עס שטייט (אין פָּסוּק), **עַל מַצּוֹת וּמְרוֹרִים** מיט מַצוֹת און מָרוֹר, **יֹאכְלֻהוּ** זאָל מען אים [דעם קָרְבָּן פֶּסַח] עסן.

ער זאָל דאָס עסן אַלעס אין איינעם און אָנגעלענטערהייט – טור און שולחן ערוך סימן תע״ה. הגהה פון סדור פון דעם רבי דער צמח צדק.

## שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ:

דערנאָך עסט ער און טרינקט וויפל ער דאַרף, ער מעג טרינקען וויין צווישן דעם צווייטן כּוֹס און די דריטע כּוֹס. (סידור)

[דער מנהג איז, אַז מען עסט די סְעוּדָה נישט אָנגעלענטערהייט. מען הויבט אָן די סְעוּדָה בײַידע נעכט, מיט עסן די בֵּיצָה פון דער קְעָרָה, און מען טונקט דאָס אײַין אין זאַלץ וואַסער.

מען איז זייער זָהִיר – פאָרזיכטיג וועגן מַצָה שְׁרוּיָה (גאַנץ פֶּסַח, חוּץ אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח), דעריבער זײַנען די מַצוֹת אויפן טיש צוגעדעקט, אַז עס זאָל אויף זיי נישט פאַלן קיין וואַסער.

ווען מען גיסט אַרײַן וואַסער אין אַ כּוֹס אָדער טעלער, מאַכט מען זיכער אַז דער כּוֹס אָדער טעלער האָט נישט אין זיך קיינע ברעקעלעך מַצָה. – לקוטי טעמים ומנהגים.]

**צָפוּן:**

דערנאָך נעמט ער די אַפִּיקוֹמָן, און ער זאָל דאָס צוטיילן צו זײַן גאַנצע הויזגעזינד צו יעדען אַ כְּזַיִת, און מען זאָל זיך היטן נישט צו טרינקען נאָך דעם אַפִּיקוֹמָן, און מען עסט דאָס אָנגעלענטערהייט, און מען דאַרף עס עסן פאַר האַלבע נאַכט.

**בֵּרַךְ:**

דערנאָך גיסט מען אָן דעם דריטן כּוֹס, און מען זאָגט אויף דעם בִּרְכַּת הַמָּזוֹן – בענטשן. (סידור)

[אין ליובאַוויטש פלעגט מען בְּדֶרֶךְ כְּלַל אָנגיסן דעם כּוֹס שֶׁל אֵלִיָּהוּ נאָכן בענטשן, חוץ פון זְמַנִים הַיְדוּעִים. – ליקוט טעמים ומנהגים]

[דער רֶבִּי איז מְדַייק שטענדיק צו אָנגיסן דעם כּוֹס שֶׁל אֵלִיָּהוּ פאַרן בענטשן. – המלך במסיבו א׳רפה].

[די אדמו״רי חב״ד פלעגן מדייק זײַן אַליין אָנגיסן דעם כּוֹס שֶׁל אֵלִיָּהוּ. – ליקוטי טעמים ומנהגים].

[דער רֶבִּי פלעגט אָנגיסן פריער דעם כּוֹס שֶׁל אֵלִיָּהוּ איידער זײַן אייגענעם כּוֹס. – המלך במסיבו ב׳שה].

**שִׁיר הַמַּעֲלוֹת** אַ געזאַנג וואָס גייט אַרויף, **בְּשׁוּב יְהֹוָה** ווען ה׳ וועט אומקערן, **אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן** די געפאַנגענע פון צִיוֹן, **הָיִינוּ כְּחֹלְמִים:** וועלן מיר פילן אַז עס איז **געווען** ווי אַ חָלוֹם: **אָז יִמָּלֵא** דעמאָלט וועט דערפילט ווערן, **שְׂחוֹק** מיט געלעכטער, **פִּינוּ** אונזער מויל, **וּלְשׁוֹנֵנוּ** און אונזער צונג, **רִנָּה** (וועט דערפילט ווערן) מיט געזאַנג, **אָז** דעמאָלט, **יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם** וועט מען זאָגן צווישן די פעלקער, **הִגְדִּיל יְהֹוָה לַעֲשׂוֹת** ה׳ האָט געטאָהן גרויסע זאַכן, **עִם אֵלֶּה:** מיט די (אידן), **הִגְדִּיל יְהֹוָה לַעֲשׂוֹת** ה׳ האָט געטאָהן גרויסע זאַכן, **עִמָּנוּ** מיט אונז, **הָיִינוּ שְׂמֵחִים:** (דעריבער) זײַנען מיר געווען פריילִיך, **שׁוּבָה יְהֹוָה** קער אום ה׳, **אֶת שְׁבִיתֵנוּ** אונזערע געפאַנגענע, **כַּאֲפִיקִים** (וואָס אונזער פרייד וועט דעמאָלט זײַן) ווי קוואַלען פון וואַסער, **בַּנֶּגֶב:** וואָס זעטיגן אָן אַ טרוקענע לאַנד, **הַזֹּרְעִים בְּדִמְעָה** די וואָס זייען מיט

טרערן, **בְּרִנָּה** מיט פרייד געזאַנג, **יִקְצֹרוּ:** וועלן זיי שניידן די תְּבוּאָה, **הָלוֹךְ יֵלֵךְ וּבָכֹה** גייען גייט ער און וויינט, **נֹשֵׂא** ער טראָגט, **מֶשֶׁךְ הַזָּרַע** די זאַק פון קערנדלאַך (אויף צו איינזייען די לאַנד), **בֹּא יָבֹא בְרִנָּה** קומען וועט ער קומען מיט פרייד געזאַנג, **נֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו:** טראָגענדיק זיינע בינטלאַך פון תְּבוּאָה.

**לִבְנֵי קֹרַח** (צו) פון די קינדער פון קוֹרַח (וואָס זיי האָבן פאַרפאַסט), **מִזְמוֹר שִׁיר** דער מִזְמוֹר איז אַ לויב געזאַנג, **יְסוּדָתוֹ** וואָס זיין יְסוֹד (פונדאַמענט) איז, **בְּהַרְרֵי קֹדֶשׁ:** וועגן די הייליגע בערג (צִיוֹן און יְרוּשָׁלַיִם), **אֹהֵב יְהוָֹה** ה׳ האָט ליב, **שַׁעֲרֵי צִיּוֹן** די טויערן פון צִיוֹן, **מִכֹּל מִשְׁכְּנוֹת יַעֲקֹב:** מער פון אַלע רואונג ערטער פון יַעֲקֹב, **נִכְבָּדוֹת** גיהערליכטע זאַכן, **מְדֻבָּר בָּךְ** זיינען גערעדט געוואָרן וועגן דער, **עִיר הָאֱלֹהִים** די שטאָט פון גָ-ט, **סֶלָה:** אויף אייביג, **אַזְכִּיר** איך וועל דערמאַנען, **רַהַב וּבָבֶל** רַהַב (מִצְרַיִם) און בָּבֶל, **לְיֹדְעָי** צו מיינע באַקאַנטע, **הִנֵּה פְלֶשֶׁת וְצוֹר** אָט פְּלֶשֶׁת און צוֹר, **עִם כּוּשׁ** מיט כּוּשׁ (וואָס זיינען אַלע שְׁכֵנִים), **זֶה יֻלַּד שָׁם:** (וועלן זאָגן) אָט דער (מענטש) איז געבוירן דאָרטן, **וּלְצִיּוֹן** און צו צִיוֹן, **יֵאָמַר** וועט געזאָגט ווערן, **אִישׁ וְאִישׁ** דער מענטש און דער מענטש, **יֻלַּד בָּהּ** זיינען געבוירן געוואָרן אין איר, **וְהוּא יְכוֹנְנֶהָ** און ער (גָ-ט) וועט איר (צִיוֹן) אָנגרייטן, **עֶלְיוֹן:** אַז זי זאָל זיין העכער איבער אַלע שטעט. **יְהוָֹה יִסְפֹּר** ה׳ וועט ציילן [און ער וועט זאָגן אויף די אידן], **בִּכְתוֹב עַמִּים** ווען ער וועט שרייבן דעם מִשְׁפָּט פון די פעלקער, **זֶה יֻלַּד שָׁם** דער איז געבוירן געוואָרן דאָרטן אין צִיוֹן (און ער באַלאַנגט דאָרטן נישט צו געמִשְׁפְּט ווערן ווי די פעלקער), **סֶלָה:** אייביג, **וְשָׁרִים** און די זינגער, **כְּחֹלְלִים** אַזוי ווי די טענצער (די וואָס שפּילן מיט פלויטן) (וועלן זיך פרייען), **כָּל מַעְיָנַי** (און וועלן זאָגן) אַלע מיינע אינעווייניגסטע מַחְשָׁבוֹת, **בָּךְ** זיינען וועגן דיר.

**אֲבָרְכָה אֶת יְיָ** איך וועל בענטשן ה׳, **בְּכָל עֵת** אין אַלע צייטן, **תָּמִיד** שטענדיק, **תְּהִלָּתוֹ** איז זיין לויבונג, **בְּפִי:** אין מיין מויל, **סוֹף דָּבָר** די ענדע פון די זאַך, **הַכֹּל נִשְׁמָע** אַלעס ווערט דערוואוסט, **אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא** (האָב מוֹרָא פון) פאָרכט ה׳, **וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר** און זיינע מִצְוֹת היט, **כִּי זֶה** ווייל דאָס איז, **כָּל הָאָדָם:** די גאַנצע צוועק פון דעם מענטש, **תְּהִלַּת יְיָ** דער לויב פון ה׳, **יְדַבֶּר פִּי,** זאָל מיין מויל ריידן, **וִיבָרֵךְ כָּל בָּשָׂר** און אַלע מענטשן וועלן בענטשן, **שֵׁם קָדְשׁוֹ** זיין הייליגע נאָמען, **לְעוֹלָם וָעֶד:** פאַר אייביג און אייביג: **וַאֲנַחְנוּ נְבָרֵךְ יָהּ,** און מיר וועלן בענטשן גָ-ט, **מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם** פון יעצט ביז אייביג, **הַלְלוּיָהּ:** לויבט גָ-ט.

איידער ער וואַשט מַיִם אַחֲרוֹנִים זאָל ער זאָגן דעם פסוק. (סידור): **זֶה חֵלֶק** דאָס איז דער חֵלֶק, **אָדָם רָשָׁע** פון דעם שלעכטן מענטשן, **מֵאֱלֹהִים** (וואָס ער קריגט) פון גָ-ט, **וְנַחֲלַת** און דאָס איז די נַחֲלָה (אַרבְּטייל), **אִמְרוֹ** וואָס איז געזאָגט אויף אים, **מֵאֵל:** פון גָ-ט.

און נאָך מַיִם אַחֲרוֹנִים זאָל ער זאָגן דעם פסוק. (סידור): **וַיְדַבֵּר אֵלַי** און ער האָט געזאָגט צו מיר, **זֶה הַשֻּׁלְחָן** דאָס איז דער טיש, **אֲשֶׁר לִפְנֵי יְהֹוָה:** וואָס איז פאַר ה׳.

אויב מען בענטשט מיט אַ מְזוּמָן, זאָל דער וואָס פירט-אָן מיט׳ן בענטשן זאָגן: **הַב לָן וְנִבְרִיךְ** (אָו בלשון אידיש: **רַבּוֹתַי מיר וועלין בענטשין**).

און די פאַרזאַמלטע ענטפערן: **יְהִי** עס זאָל זיַין, **שֵׁם יְהֹוָה** דער נאָמען פון ה׳, **מְבֹרָךְ** געבענטשט, **מֵעַתָּה** פון יעצט, **וְעַד עוֹלָם** איז ביז אייביג.

דער וואָס פירט-אָן מיט׳ן בענטשן זאָגט: **בִּרְשׁוּת** מיט אייער רְשׁוּת, **מָרָנָן וְרַבָּנָן וְרַבּוֹתַי** אונזערע וועג וויַיזער, אונזערע האַרן, אונזערע לערערס, **נְבָרֵךְ** לאָמיר בענטשן (ה׳), **שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ:** אויף דעם וואָס מיר האָבן געגעסן פון זיַינע זאַכן.

און די פאַרזאַמלטע ענטפערן: **בָּרוּךְ** געבענטשט איז (ה׳), **שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ:** אויף דעם וואָס מיר האָבן געגעסן פון זיַינע זאַכן, **וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ:** און מיט זיַין גוטסקייט לעבן מיר.

און דער וואָס האָט נישט געגעסן מיט זיי, ענטפערט: **בָּרוּךְ** געבענטשט, **וּמְבֹרָךְ** און געלויבט איז, **שְׁמוֹ** זיַין נאָמען, **תָּמִיד** שטענדיק, **לְעוֹלָם וָעֶד:** אייביג.

און אויב עס זיינען פאַראַן צען מענטשן, זאָגט דער וואָס פירט-אָן מיט׳ן בענטשן: **נְבָרֵךְ** לאָמיר בענטשן (ה׳), **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ:** אויף דעם וואָס מיר האָבן געגעסן פון זיַינע זאַכן.

און די פאַרזאַמלטע ענטפערן: **בָּרוּךְ** געבענטשט איז, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ:** אויף דעם וואָס מיר האָבן געגעסן פון זיַינע זאַכן, **וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ:** און מיט זיַין גוטסקייט לעבן מיר.

און דער וואָס האָט נישט געגעסן מיט זיי, ענטפערט: **בָּרוּךְ** געבענטשט, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **וּמְבֹרָךְ** און געלויבט איז, **שְׁמוֹ** זיַין נאָמען, **תָּמִיד** שטענדיק, **לְעוֹלָם וָעֶד:** אייביג.

**בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ** גיבענטשט ביסטו ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** קעניג פון דער וועלט, **הַזָּן** דער וואָס שפּיַיזט, **אֶת הָעוֹלָם כֻּלּוֹ** די (אַלע באַשעפענישן פון די) גאַנצע וועלט, **בְּטוּבוֹ** מיט זיַין גוטסקייט, **בְּחֵן** מיט ליַיטזעליגקייט (ליבשאַפט), **בְּחֶסֶד** מיט גענאַדע, **וּבְרַחֲמִים** און מיט דערבאַרעמקיַיט, **הוּא נוֹתֵן לֶחֶם** ער גיט שפּיַיז (ברויט), **לְכָל בָּשָׂר** צו אַלע באַשעפענישן, **כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:** וויַיל אויף אייביג איז זיַין גענאַדע, **וּבְטוּבוֹ הַגָּדוֹל** און מיט זיַין גרויסע גוטסקיַיט, **עִמָּנוּ** צו אונז, **תָּמִיד** שטענדיק (קיינמאָל), **לֹא חָסַר לָנוּ** האָט אונז (גאָר) נישט געפעהלט, **וְאַל יֶחְסַר לָנוּ** און (מיר פאַרזיכערן זיך און דיר, אַז) עס וועט אונז נישט פעהלן, **מָזוֹן** קיין שפּיַיז, **לְעוֹלָם וָעֶד:** שטענדיק, אייביג, **בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל** צוליב זיַין גרויסן נאָמען, **כִּי הוּא אֵל** וויַיל ער איז אַ גָ-ט, **זָן וּמְפַרְנֵס** וואָס שפּיַיזט אין באַזאָרגט, **לַכֹּל** אַלעמען, **וּמֵטִיב לַכֹּל** און ער טוט גוטס צו אַלעמען, **וּמֵכִין מָזוֹן** און ער גריַיט צו שפּיַיז, **לְכָל**

**בְּרִיּוֹתָיו** פאַר אַלע זייַנע באַשעפענישן, **אֲשֶׁר בָּרָא** וואָס ער האָט באַשאַפן, **כָּאָמוּר** אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין פָּסוּק, **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ** דו עפענסט אויף דייַן האַנט, **וּמַשְׂבִּיעַ** און זעטיגסט-אָן, **לְכָל חַי** פאַר אַלע לעבעדיגע, **רָצוֹן** לויט זייער ווילן (באַדערפעניש), **בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ** געבענטשט ביסטו ה׳, **הַזָּן אֶת הַכֹּל:** דער וואָס שפּייַזט אַלעמען.

**נוֹדֶה לְךָ** מיר דאַנקען דיר, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **עַל שֶׁהִנְחַלְתָּ** אויף דעם וואָס דו האָסט געמאַכט (געגעבן אַלעס אַן אַרבעטייל) יַרְשְׁ׳ענען, **לַאֲבוֹתֵינוּ** צו אונזערע עלטערן, **אֶרֶץ** אַ לאַנד, **חֶמְדָּה** וואָס איז גלוסטיג, **טוֹבָה** אַ גוטע, **וּרְחָבָה** און אַ ברייטע (לאַנד), **וְעַל שֶׁהוֹצֵאתָנוּ** און (מיר דאַנקען דיר) אויף דעם וואָס דו האָסט אונז אַרויסגעצויגן, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם** פון לאַנד מִצְרַיִם, **וּפְדִיתָנוּ** און דו האָסט אונז אויסגעלייזט, **מִבֵּית עֲבָדִים** פון קנעכט-הויז, **וְעַל בְּרִיתְךָ** און אויף דייַן בּונד (צייכן), **שֶׁחָתַמְתָּ** וואָס דו האָסט פאַרזיגעלט, **בִּבְשָׂרֵנוּ** אין אונזער קערפּער (בְּרִית מִילָה), **וְעַל תּוֹרָתְךָ** און פאַר דייַן תּוֹרָה, **שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ** וואָס דו האָסט אונז אויסגעלערנט, **וְעַל חֻקֶּיךָ** און פאַר דייַנע געזעצן, **שֶׁהוֹדַעְתָּנוּ** וואָס דו האָסט באַקאַנט געמאַכט, **וְעַל חַיִּים** און פאַר דאָס לעבן, **חֵן וָחֶסֶד** לייַטזעליגקייַט, און גענאַד, **שֶׁחוֹנַנְתָּנוּ** וואָס דו האָסט אונז באַגנאַדיקט (געשאָנקען), **וְעַל אֲכִילַת מָזוֹן** און פאַר דאָס עסן פון שפּייַז, **שָׁאַתָּה זָן** מיט וואָס דו שפּייַזט, **וּמְפַרְנֵס** און באַזאָרגסט, **אוֹתָנוּ** אונז, **תָּמִיד** שטענדיק, **בְּכָל יוֹם** יעדן טאָג, **וּבְכָל עֵת** און יעדער צייַט, **וּבְכָל שָׁעָה:** און יעדע שטונדע.

**וְעַל הַכֹּל** און פאַר דעם אַלעס (וואָס דו האָסט געטאָהן מיט אונז), **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **אֲנַחְנוּ מוֹדִים לָךְ** דאַנקען מיר דיר, **וּמְבָרְכִים אוֹתָךְ** און בענטשן דיר, **יִתְבָּרֵךְ שִׁמְךָ** (אַז) דייַן נאָמען זאָל זייַן געבענטשט, **בְּפִי כָּל חַי** אין די מויל פון אַלע לעבעדיגע (באַשעפענישן), **תָּמִיד** שטענדיק, **לְעוֹלָם וָעֶד:** (און) אויף אייביג, **כַּכָּתוּב** אַזוי ווי עס שטייט, **וְאָכַלְתָּ** און ווען דו וועסט עסן, **וְשָׂבָעְתָּ** און דו וועסט זאַט ווערן, **וּבֵרַכְתָּ** (דעמאָלט) זאָלסטו בענטשן, **אֶת יְיָ אֱלֹהֶיךָ** ה׳ דייַן גָ-ט, **עַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה** פאַר די גוטע לאַנד, **אֲשֶׁר נָתַן לָךְ:** וואָס ער האָט דיר געגעבן: **בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ** געבענטשט ביסטו ה׳, **עַל הָאָרֶץ** פאַר דאָס לאַנד (אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל), **וְעַל הַמָּזוֹן:** און פאַר די שְׁפּייַז (וואָס דו האָסט אונז געגעבן).

**רַחֵם** דערבאַרים זיך, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ** אויף יִשְׂרָאֵל (די אידן) דייַן פאָלק, **וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ** און אויף דייַן שטאָט יְרוּשָׁלַיִם, **וְעַל צִיּוֹן** און אויף צִיּוֹן, **מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ** די וואוינונג (רוהע אָרט) פון דייַן כָּבוֹד (הערליכקייַט), **וְעַל מַלְכוּת בֵּית דָּוִד** און אויף די קעניגרייַך פון דעם הויז פון דָוִד, **מְשִׁיחֶךָ** דייַן געזאַלבטער, **וְעַל הַבַּיִת הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ** און אויף דאָס גרויסע און הייליגע הויז

(בֵּית הַמִקְדָשׁ), **שֶׁנִקְרָא שִׁמְךָ עָלָיו:** (איבער) וואָס דײַן נאָמען איז גערופן אויף אִים, **אֱלֹהֵינוּ אָבִינוּ** אונזער גָ-ט אונזער פאָטער, **רוֹעֵנוּ** אונזער פאַסטוך, **זוֹנֵנוּ** אונזער שפּײַזער, **פַּרְנְסֵנוּ** אונזער באַזאָרגער (פאַר אונזערע באַדערפענישן), **וְכַלְכְּלֵנוּ** און האַלט אונז אויס, **וְהַרְוִיחֵנוּ** און גיב אונז מיט אַ ברייטע האַנט, **וְהַרְוַח לָנוּ** און באַפרײַ אונז (מאַך פאַר אונז ברייט), **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **מְהֵרָה** שנעל, **מִכָּל צָרוֹתֵינוּ:** פון אַלע אונזערע צָרוֹת-לײַדען, **וְנָא** און ביטע, **אַל תַּצְרִיכֵנוּ** מיר זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **לֹא לִידֵי מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם** נישט צו (דאַרפן נעמען אַ מַתָּנָה-געשאַנקען פון מענטשן (וואָס איז נאָר פלייש און בלוט), **וְלֹא לִידֵי הַלְוָאָתָם** און נישט צו זייער אַנטלײַען (באָרגען פון זיי), **כִּי אִם לְיָדְךָ** נאָר (מיר זאָלן באַקומען אונזערע, באַדערפענישן) פון דײַן האַנט, **הַמְלֵאָה** די פולע, **הַפְּתוּחָה** די אָפענע, **הַקְּדוֹשָׁה** די הייליגע, **וְהָרְחָבָה** און די ברייטע, **שֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ** אַז מיר זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן, **וְלֹא נִכָּלֵם** און מיר זאָלן נישט שלעכט פילן פון בוּשָׁה, **לְעוֹלָם וָעֶד:** אויף אייביג.

אום שַׁבָּת זאָגט מען:

**רְצֵה** באַוויליג (אונז), **וְהַחֲלִיצֵנוּ** און שטאַרק אונז, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **בְּמִצְוֹתֶיךָ** מיט דײַנע מִצְוֹות, **וּבְמִצְוַת** און מיט די מִצְוָה, **יוֹם הַשְּׁבִיעִי** פון דעם זיבעטן טאָג, **הַשַּׁבָּת** דעם שַׁבָּת, **הַגָּדוֹל** דער גרויסער, **וְהַקָּדוֹשׁ** און הייליגער, **הַזֶּה** (אָט) איז ער, **כִּי יוֹם זֶה** ווײַל דער טאָג, **גָּדוֹל** איז גרויס, **וְקָדוֹשׁ הוּא** און ער איז הייליג, **לְפָנֶיךָ.** פאַר דיר, **לִשְׁבָּת בּוֹ** צו אָפּהאַלטן זיך פון אַרבעטן אין אים, **וְלָנוּחַ בּוֹ** און צו רוען אין אים, **בְּאַהֲבָה** מיט ליבשאַפט, **כְּמִצְוַת רְצוֹנֶךָ.** אַזוי ווי דער באַפעהל פון דײַן ווילן, **וּבִרְצוֹנְךָ** און מיט דײַן ווילן, **הָנִיחַ לָנוּ** לאָז אונז רוען, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **שֶׁלֹּא תְהֵא צָרָה** אַז עס זאָל נישט זײַן קיין צָרָה ענגשאַפט, **וְיָגוֹן** און טרויער, **וַאֲנָחָה** און זיפצען, **בְּיוֹם מְנוּחָתֵינוּ.** אין דעם טאָג פון אונזער רוּה, **וְהַרְאֵנוּ** און דו זאָלסט אונז ווײַזן, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **בְּנֶחָמַת** אין דעם טרייסט, **צִיּוֹן** פון צִיוֹן, **עִירֶךָ.** דײַן שטאָט, **וּבְבִנְיַן** און אין דעם אויפבוי, **יְרוּשָׁלַיִם** פון יְרוּשָׁלַיִם, **עִיר קָדְשֶׁךָ** דײַן הייליג שטאָט, **כִּי אַתָּה הוּא** ווײַל דו בִּיסט, **בַּעַל הַיְשׁוּעוֹת** דער האַר פון הילף, **וּבַעַל הַנֶּחָמוֹת:** און דער האַר פון טרייסט:

**אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ** און דער גָ-ט פון אונזערע עלטערן, **יַעֲלֶה** עס זאָל אַרויפגיין (צו דיר), **וְיָבֹא** און עס זאָל אָנקומען, **וְיַגִּיעַ** און עס זאָל דערגרייכן, **וְיֵרָאֶה** און עס זאָל געזעהן ווערן, **וְיִשָּׁמַע** און עס זאָל געהערט ווערן, **וְיִפָּקֵד** און עס זאָל דערמאָנט ווערן, **וְיִזָּכֵר** און עס זאָל געדענקט ווערן (פאַר דיר), **זִכְרוֹנֵנוּ** אונזער געדענקונג, **וּפִקְדוֹנֵנוּ** און אונזער דערמאָנונג, **וְזִכְרוֹן אֲבוֹתֵינוּ** און דאָס געדענקונג פון אונזערע עלטערן, **וְזִכְרוֹן מָשִׁיחַ** און דאָס געדענקונג פון מָשִׁיחַ, **בֶּן דָּוִד** דער זון (וואָס שטאַמט) פון דָוִד, **עַבְדֶּךָ** דײַן קנעכט, **וְזִכְרוֹן יְרוּשָׁלַיִם** און דאָס געדענקונג פון יְרוּשָׁלַיִם, **עִיר קָדְשֶׁךָ** דײַן הייליגע שטאָט, **וְזִכְרוֹן** און דאָס געדיינקונג, **כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל** (פון) דײַן גאַנצע פאָלק, די הויז פון יִשְׂרָאֵל, **לְפָנֶיךָ,** (זאָל געדענקט ווערן) פאַר דיר, **לִפְלֵיטָה** פאַר אַ רעטונג, **לְטוֹבָה,** פאַר גוט, וואויל זײַן, **לְחֵן** פאַר גענאָד, **וּלְחֶסֶד**

און פאַר חֶסֶד-גוטס, **וּלְרַחֲמִים** און פאַר רַחֲמָנוּת, **וּלְחַיִּים טוֹבִים** און פאַר אַ גוטן לעבן, **וּלְשָׁלוֹם** און פאַר פרידען, **בְּיוֹם** אין דעם טאָג, **חַג** דער פּייער-טאָג, **הַמַּצּוֹת הַזֶּה** ווען מען עסט מַצּות, **בְּיוֹם טוֹב** אין דעם יום טוב, **מִקְרָא קוֹדֶשׁ** אַ הייליגע [צוזאַמען] רופונג, **זָכְרֵנוּ** געדענק אונז, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה' אונזער גָ-ט, **בּוֹ** אין דעם טאָג, **לְטוֹבָה**. צו גוטן, **וּפָקְדֵנוּ** און דערמאַן זיך אין אונז, **בוֹ** אין דעם טאָג, **לִבְרָכָה**. פאַר אַ בענטשונג, **וְהוֹשִׁיעֵנוּ** און העלף אונז, **בּוֹ** אין דעם טאָג, **לְחַיִּים טוֹבִים**. פאַר אַ גוטן לעבן, **וּבִדְבַר** און מיט רייד (אַ צוזאָג), **יְשׁוּעָה** פון הילף, **וְרַחֲמִים** און רַחֲמָנוּת, **חוּס** האָב רַחֲמָנוּת, **וְחָנֵּנוּ** און באַגנאַדיג אונז, **וְרַחֵם עָלֵינוּ** און דערבאַרעם זיך אויף אונז, **וְהוֹשִׁיעֵנוּ** און העלף אונז, **כִּי אֵלֶיךָ** ווייל צו דיר, **עֵינֵינוּ** (ווענדן זיך) אונזערע אויגן, **כִּי** ווייל, **אֵל** אַ גָ-ט, **מֶלֶךְ** (דער) קעניג, **חַנּוּן** אַ באַגנאַדיגער, **וְרַחוּם** און אַ דערבאַרעמדיקער, **אָתָּה**: ביסטו.

**וּבְנֵה** און בוי אויף, **יְרוּשָׁלַיִם** יְרוּשָׁלַיִם, **עִיר הַקֹּדֶשׁ** די הייליגע שטאָט, **בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ**: שנעל אין אונזערע טעג, **בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ** גיבענטשט ביסטו ה', **בּוֹנֵה** וואָס בויעט, **בְּרַחֲמָיו** מיט זיין דערבאַרימקייט, **יְרוּשָׁלָיִם** די שטאָט יְרוּשָׁלַיִם, **אָמֵן**: אָמֵן עס זאָל טאַקע אַזוי זיין.

**בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ** גיבענטשט ביסטו ה', **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** (דער) קעניג פון דער וועלט, **הָאֵל** דער מעכטיקער גָ-ט, **אָבִינוּ** אונזער פאָטער, **מַלְכֵּנוּ** אונזער קעניג, **אַדִּירֵנוּ** אונזער שטאַרקער, **בּוֹרְאֵנוּ** אונזער באַשעפער, **גּוֹאֲלֵנוּ** אונזער אויסלייזער, **יוֹצְרֵנוּ** אונזער בילדער (פאָרמער), **קְדוֹשֵׁנוּ** אונזער הייליגער, **קְדוֹשׁ יַעֲקֹב** דער הייליגער פון יַעֲקֹב, **רוֹעֵנוּ** אונזער פאַסטוך, **רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל** דער פאַסטוך פון די אידען, **הַמֶּלֶךְ הַטּוֹב** דער גוטער קעניג, **וְהַמֵּטִיב** און דער וואָס טוט גוטס, **לַכֹּל** פאַר אַלעמען, **בְּכָל יוֹם וָיוֹם** יעדער טאָג און טאָג, **הוּא הֵטִיב לָנוּ** ער האָט אונז גוטס געטאָהן, **הוּא מֵטִיב לָנוּ** ער טוט אונז גוטיס (יעצט), **הוּא יֵיטִיב לָנוּ** ער וועט אונז גוטיס טאָהן, **הוּא גְמָלָנוּ** ער האָט אונז באַלוינט, **הוּא גוֹמְלֵנוּ** ער באַלוינט אונז (יעצט), **הוּא יִגְמְלֵנוּ** ער וועט אונז באַלוינען, **לָעַד** אויף אייביג, **לְחֵן וּלְחֶסֶד** צו געפעלן ווערן און צו גענאַדע, **וּלְרַחֲמִים** און צו דערבאַרימקייט, **וּלְרֶוַח** און צו אַ ברייטקייט (באַפרייאונג), **הַצָּלָה וְהַצְלָחָה**. רעטונג און גליק, **בְּרָכָה** אַ בענטשונג, **וִישׁוּעָה** און אַ הילף, **נֶחָמָה** טרייסטונג, **פַּרְנָסָה** באַזאָרגונג (אונזערע באַדערפעניש), **וְכַלְכָּלָה** און אויסהאַלטן אונז, **וְרַחֲמִים** און דערבאַרימקייט, **וְחַיִּים** און לעבן, **וְשָׁלוֹם** און פרידען, **וְכָל טוֹב** און אַלעס גוטיס, **וּמִכָּל טוּב** און פון אַלעס גוטין, **לְעוֹלָם אַל יְחַסְּרֵנוּ**: זאָל אונז קיינמאָל נישט פעהלן.

**הָרַחֲמָן** דער באַרימהאַרציגער, **הוּא יִמְלוֹךְ** ער זאָל קעניגן, **עָלֵינוּ** אויף אונז, **לְעוֹלָם וָעֶד**: שטענדיק, אייביג.

**הָרַחֲמָן** דער באַרימהאַרציגער, **הוּא יִתְבָּרֵךְ** ער זאָל געבענטשט זיין, **בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ**: אין הימל און אויף דער ערד.

**הָרַחֲמָן** דער באַרימהאַרציגער, **הוּא יִשְׁתַּבַּח** ער זאָל געריהמט ווערן, **לְדוֹר דּוֹרִים** פאַר אַלע דורות, **וְיִתְפָּאַר** און ער זאָל זיך פאַרהערליכט ווערן, **בָּנוּ** מיט אונז, **לָעַד** אויף אייביג, **וּלְנֵצַח נְצָחִים** און אויף אייביג, **וְיִתְהַדַּר** און ער זאָל זיך באַשיינט ווערן, **בָּנוּ** מיט אונז. **לָעַד** אויף אייביג, **וּלְעוֹלְמֵי עוֹלָמִים:** און אויף אייביג.

**הָרַחֲמָן** דער באַרימהאַרציגער, **הוּא יְפַרְנְסֵנוּ** ער זאָל אונז באַזאָרגן (אונזער באַדערפענישן), **בְּכָבוֹד:** בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד.

**הָרַחֲמָן** דער באַרימהאַרציגער, **הוּא יִשְׁבּוֹר** ער זאָל צוברעכן, **עוֹל גָּלוּת** די יאָך פון גָלות, **מֵעַל צַוָּארֵנוּ** פון אונזער האַלדז, **וְהוּא יוֹלִיכֵנוּ** און ער זאָל אונז פירן, **קוֹמְמִיּוּת** מיט אַן אויפגעהויבענעם געשטעל, **לְאַרְצֵנוּ:** צו אונזער לאַנד.

**הָרַחֲמָן** דער באַרימהאַרציגער, **הוּא יִשְׁלַח** ער זאָל שיקן, **בְּרָכָה מְרֻבָּה** אַ גרויסע (אַסאַך) בענטשונג, **בְּבַיִת זֶה** אין דעם הויז, **וְעַל שֻׁלְחָן זֶה** און אויף דעם טיש, **שֶׁאָכַלְנוּ עָלָיו:** וואָס מיר האָבן געגעסן אויף אים.

**הָרַחֲמָן** דער באַרימהאַרציגער, **הוּא יִשְׁלַח לָנוּ** ער זאָל אונז שיקן, **אֶת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא** אֵלִיָהוּ דער נָבִיא, **זָכוּר לַטּוֹב** וועלכער איז דערמאָנט צום גוטן, **וִיבַשֶּׂר לָנוּ** און ער זאָל אונז אָנזאָגן, **בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת** גוטע מעלדונגען, **יְשׁוּעוֹת** פון הילף, **וְנֶחָמוֹת:** און טרייסטונגען.

**הָרַחֲמָן** דער באַרימהאַרציגער, **הוּא יְבָרֵךְ** ער זאָל בענטשן, **אֶת אָבִי מוֹרִי** מיין פאָטער מיין וועג ווייזער, **בַּעַל הַבַּיִת הַזֶּה** דער בַּעַל הַבַּיִת פון דער הויז, **וְאֶת אִמִּי מוֹרָתִי** און מיין מוטער מיין וועג ווייזערין, **בַּעֲלַת הַבַּיִת הַזֶּה** די בַּעַל הַבַּיִת'טע פון דעם הויז, **אוֹתָם** זיי, **וְאֶת בֵּיתָם** און זייער הויז, **וְאֶת זַרְעָם** און זייערע קינדער, **וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לָהֶם** און אַלעס וואָס געהערט צו זיי, **אוֹתָנוּ** אונז, **וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לָנוּ:** און אַלעס וואָס געהערט צו אונז, **כְּמוֹ שֶׁבֵּרַךְ** אַזוי ווי ער האָט געבענטשט, **אֶת אֲבוֹתֵינוּ** אונזערע עלטערן, **אַבְרָהָם יִצְחָק** אַבְרָהָם יִצְחָק, **וְיַעֲקֹב** און יַעֲקֹב, **בַּכֹּל** אין אַלעס (ביי אַבְרָהָם שְׁטייט "וה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל"), **מִכֹּל** פון אַלעס (ביי יִצְחָק שְׁטייט "וָאֹכַל מִכֹּל"), **כֹּל** מיט אַלעס (ביי יַעֲקֹב שְׁטייט "וְכִי יֶשׁ לִי כֹּל"), **כֵּן יְבָרֵךְ אוֹתָנוּ** אַזוי (אויך) זאָל ער אונז בענטשן, **(בְּנֵי בְרִית)** (קינדער פון דעם בּונד-אָפּמאַך), **כֻּלָּנוּ יַחַד** אונז אַלעמען צוזאַמען, **בִּבְרָכָה שְׁלֵמָה** מיט אַ פולקאָמע בענטשונג, **וְנֹאמַר אָמֵן:** און זאָלן מיר זאָגן אויף דעם: אָמֵן.

**מִמָּרוֹם** פון הימל, **יְלַמְּדוּ** זאָל מען לערנען (זאָגן), **עָלָיו** אויף אים, **וְעָלֵינוּ** און אויף אונז, **זְכוּת** גערעכטיגקייטן, **שֶׁתְּהֵא** וואָס זאָל זיין, **לְמִשְׁמֶרֶת** פאַר אַ היטונג, **שָׁלוֹם** פון פרידן, **וְנִשָּׂא בְרָכָה** און מיר זאָלן נעמען אַ בענטשונג, **מֵאֵת יְיָ** פון ה', **וּצְדָקָה** און גוטסקייט מער וויפל עס קומט אונז, **מֵאֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ** פון ג-ט אונזער

העלפער, **וְנִמְצָא חֵן** און מיר זאָלן געפינען געפעהליגקײט, **וְשֵׂכֶל טוֹב** און אַ גוט׳ן פאַרשטאַנד, **בְּעֵינֵי אֱלֹהִים** אין די אויגן פון גָ-ט, **וְאָדָם:** און פון מענטשן.

אום שַׁבָּת זאָגט מען: **הָרַחֲמָן** דער באַרימהאַרציגער, **הוּא יַנְחִילֵנוּ** ער זאָל אונז מאַכן יַרְשְׁ׳ענען, **לְיוֹם** דעם טאָג, **שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת** וואָס איז אינגאַנצן שַׁבָּת, **וּמְנוּחָה** און רוה, **לְחַיֵּי הָעוֹלָמִים:** אויף אַ אײביגע לעבן (תְּחִיַּית הַמֵּתִים).

**הָרַחֲמָן** דער באַרימהאַרציגער, **הוּא יַנְחִילֵנוּ** ער זאָל אונז מאַכן יַרְשְׁ׳ענען, **לְיוֹם** דעם טאָג, **שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב:** וואָס איז אינגאַנצן גוט.

**הָרַחֲמָן** דער באַרימהאַרציגער, **הוּא יְזַכֵּנוּ** ער זאָל אונז באַרעכטיגן, **לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ** (צו דערלעבן) צו די צײטן פון מָשִׁיחַ, **וּלְחַיֵּי** און צום לעבן, **הָעוֹלָם הַבָּא.** פון דעם קומענדיגער וועלט, **מִגְדּוֹל** (הקב״ה איז) דער טורעם (פעסטונג), **יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ** די הילף פון זײן קעניג, **וְעֹשֶׂה חֶסֶד** און ער טוט גענאַדע, **לִמְשִׁיחוֹ** צו זײן געזאַלבטן, **לְדָוִד** צו דָוִד, **וּלְזַרְעוֹ** און צו זײנע קינדער, **עַד עוֹלָם:** ביז אײביג, **עֹשֶׂה שָׁלוֹם** דער וואָס מאַכט שָׁלוֹם-פרידן, **בִּמְרוֹמָיו** אין זײנע הימלען (צווישן די מַלְאָכִים), **הוּא יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם** ער זאָל מאַכן שָׁלוֹם-פרידן, **עָלֵינוּ** פאַר אונז, **וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל** און פאַר אַלע אידן, **וְאִמְרוּ אָמֵן:** און זאָגט (אויף דעם) אָמֵן (עס זאָל אַזוי טאַקע מְקוּיָם ווערן).

**יִרְאוּ אֶת יְיָ** פאָרכט (האָט מוֹרָא פון) ה׳, **קְדֹשָׁיו** זײנע הײליגע, **כִּי אֵין מַחְסוֹר** ווײל עס פעהלט גאָרנישט, **לִירֵאָיו:** צו די וועלכע פאָרכטן אים, **כְּפִירִים** יונגע לײבן, **רָשׁוּ** זײנע אָרעם, **וְרָעֵבוּ** און הונגעריק, **וְדֹרְשֵׁי יְיָ** און די וואָס זוכן ה׳, **לֹא יַחְסְרוּ** פאַר זײ פעהלט נישט, **כָּל טוֹב:** (פון) אַלעס גוט׳ס, **הוֹדוּ לַייָ** לויבט ה׳, **כִּי טוֹב** ווײל ער איז גוט, **כִּי לְעוֹלָם** ווײל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ:** איז זײן גענאָד, **פּוֹתֵחַ** דו עפענסט אויף, **אֶת יָדֶךָ** דײן האַנט, **וּמַשְׂבִּיעַ** און זעטיגסט אָן, **לְכָל חַי** (צו) אַלע לעבעדיגע, **רָצוֹן:** (לויט זײער) ווילן, **בָּרוּךְ הַגֶּבֶר** געבענטשט איז דער מענטש, **אֲשֶׁר יִבְטַח בַּייָ** וואָס פאַרזיכערט זיך אין ה׳, **וְהָיָה יְיָ** און ה׳ וועט זײן, **מִבְטַחוֹ:** זײן פאַרזיכערונג.

און ער מאַכט אַ בְּרָכָה אויף דעם כּוֹס און ער טרינקט דאָס אָנגעלענטהײט.

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** (דער) קעניג פון דער וועלט, **בּוֹרֵא** דער וואָס באַשאַפט, **פְּרִי הַגָּפֶן** די פרוכט פון דעם װײנשטאָק.

מען גיסט אָן דעם פערטן כּוֹס, און מען עפענט אויף די טיר פון שטוב, און ער זאָגט די פאָלגענדע. (סידור)

(ווען עס פאַלט אויס אין די וואָכענטעג, נעמט מען אַ לײכטער מיט ברענענדיקע ליכט, און) מען גײט עפענען אַלע טירן צווישן אַלע צימערן, פון דעם צימער וואו מען פראַוועט דעם סֵדֶר ביז צו דער גאַס (אָדער הוֹיף).

די פאַרזאַמלטע זאָגן שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ אויף זייער אָרט, אָבער די שְׁלוּחִים, די וואָס זיינען געגאַנגען עפענען די טיר זאָגן דאָס ביים טיר.

מען זאָגט שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ זיצנדיקערהייט, מען דאַרף זיך נישט שטעלן. — ליקוטי טעמים ומנהגים

**שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ** פאַרגיס דיין גרים צאָרן, **אֶל הַגּוֹיִם** אויף די פעלקער, **אֲשֶׁר לֹא יְדָעוּךָ** וואָס ווילן דיר נישט וויסן [אַנערקענען], **וְעַל מַמְלָכוֹת** און אויף די קעניגרייכן, **אֲשֶׁר בְּשִׁמְךָ** וואָס אין דיין נאָמען, **לֹא קָרָאוּ** רופן זיי נישט, **כִּי אָכַל** ווייל זיי האָבן אויפגעגעסן [פאַרלענדעט], **אֶת יַעֲקֹב** [די קינדער פון] יעקב, **וְאֶת נָוֵהוּ** און זיין וואוין-אָרט [בית המקדש], **הֵשַׁמּוּ** האָבן זיי פאַרוויסט. **שְׁפָךְ עֲלֵיהֶם** פאַרגיס אויף זיי, **זַעְמֶךָ** דיין כַּעַס, **וַחֲרוֹן אַפְּךָ** און דיין גרים צאָרן, **יַשִּׂיגֵם** זאָל זיי דערגרייכן, **תִּרְדּוֹף** זאָלסט זיי נאָכיאָגן, **בְּאַף** מיט צאָרן, **וְתַשְׁמִידֵם** און זאָלסט זיי פאַרטיליגן, **מִתַּחַת שְׁמֵי יְהֹוָה** פון אונטער די הימלען פון ה׳.

**הַלֵּל נִרְצָה:**

[דער צווייטער טייל פון הַלֵּל רעדט זיך וועגן לֶעָתִיד לָבֹא, דעריבער זאָגן מיר דאָס נאָכן עסן, אַלעס אַ באַזונדערע זאַך. — ליקוטי טעמים ומנהגים]

ווען די שְׁלוּחִים וואָס זיינען געגאַנגען עפענען די טיר, קומען צוריק, דעמאָלט הויבט מען אָן זאָגן לֹא לָנוּ. — ליקוטי טעמים ומנהגים

**לֹא לָנוּ** ניט פאַר אונזער וועגן, **יְהֹוָה** ה׳, **לֹא לָנוּ** ניט פאַר אונזער וועגן, **כִּי לְשִׁמְךָ** נאָר פאַר דיין נאָמען וועגן, **תֵּן כָּבוֹד** גיב כָּבוֹד, **עַל-חַסְדְּךָ** וועגן דיין חֶסֶד (גענאַדע), **עַל-אֲמִתֶּךָ:** וועגן דיין אמת׳קייט (טריייהייט), **לָמָּה יֹאמְרוּ** פאַרוואָס זאָלן זיי זאָגן, **הַגּוֹיִם** די פעלקער, **אַיֵּה-נָא** וואו איז איצט, **אֱלֹהֵיהֶם:** זייער ג-ט: **וֵאלֹהֵינוּ בַשָּׁמָיִם** אָבער (בְּאֱמֶת) אונזער ג-ט וואָס איז אין הימל, **כֹּל אֲשֶׁר-חָפֵץ** אַלעס וואָס ער וויל, **עָשָׂה:** דאָס טוט ער: **עֲצַבֵּיהֶם** זייערע געטשקעס, **כֶּסֶף וְזָהָב** זיינען (פון) זילבער און גאָלד, **מַעֲשֵׂה** דאָס ווערק, **יְדֵי אָדָם:** פון מענטש׳ישע הענט: **פֶּה-לָהֶם** אַ מויל האָבן זיי, **וְלֹא יְדַבֵּרוּ** אָבער קענען נישט ריידן, **עֵינַיִם לָהֶם** אויגן האָבן זיי, **וְלֹא יִרְאוּ:** אָבער זיי קענען נישט זעהן: **אָזְנַיִם לָהֶם** אויערן האָבן זיי, **וְלֹא יִשְׁמָעוּ** אָבער זיי קענען נישט הערן, **אַף לָהֶם** אַ נאָז האָבן זיי, **וְלֹא יְרִיחוּן:** אָבער קענען נישט שמעקן: **יְדֵיהֶם** הענט האָבן זיי, **וְלֹא יְמִישׁוּן** אָבער זיי קענען נישט טאַפּן, **רַגְלֵיהֶם** פיס האָבן זיי, **וְלֹא יְהַלֵּכוּ**, אָבער זיי קענען נישט גייען, **לֹא-יֶהְגּוּ** זיי קענען נישט אַרויסלאָזן קיין קול, **בִּגְרוֹנָם:** דורך זייער האַלדז: **כְּמוֹהֶם** אַזוי ווי זיי זיינען, **יִהְיוּ עֹשֵׂיהֶם** וועלן ווערן די וואָס מאַכן זיי, **כֹּל אֲשֶׁר-בֹּטֵחַ** יעדער וואָס פאַרזיכערט זיך, **בָּהֶם:** אין זיי: **יִשְׂרָאֵל** (דו) יִשְׂרָאֵל (אידן), **בְּטַח בַּה׳** פאַרזיכער זיך אין ה׳, **עֶזְרָם** זייער הילף, **וּמָגִנָּם** און זייער שילד, **הוּא:** איז ער:

**בֵּית אַהֲרֹן** (איר) די הויז (קינדער) פון אהרן, **בִּטְחוּ בַה׳** פאַר זיכערט זיך אין ה׳, **עֶזְרָם** זייער הילף, **וּמָגִנָּם** און זייער שילד, **הוּא:** איז ער: **יִרְאֵי יְהֹוָה** (איר) וואָס האָבן מוֹרָא פאַר ה׳, **בִּטְחוּ בַה׳** פאַרזיכערט זיך אין ה׳, **עֶזְרָם** זייער הילף, **וּמָגִנָּם** און זייער שילד, **הוּא:** איז ער:

**יְהֹוָה** ה׳, **זְכָרָנוּ** (וועלכער) האָט אונז געדענקט, **יְבָרֵךְ** ער וועט (אונז) בענטשן, **יְבָרֵךְ** ער וועט בענטשן, **אֶת-בֵּית יִשְׂרָאֵל** דאָס הויז (קינדער) פון יִשְׂרָאֵל (די אידן), **יְבָרֵךְ** ער וועט בענטשן, **אֶת-בֵּית אַהֲרֹן:** דאָס הויז (קינדער) פון אַהֲרֹן: **יְבָרֵךְ** ער וועט בענטשן, **יִרְאֵי ה׳** די וואָס האָבן מוֹרָא פאַר ה׳, **הַקְטַנִּים** די קליינע, **עִם-הַגְּדוֹלִים:** מיט די גרויסע: **יֹסֵף ה׳** ה׳ וועט צוגעבן (בְּרָכוֹת), **עֲלֵיכֶם** צו אייך, **עֲלֵיכֶם** צו אייך, **וְעַל-בְּנֵיכֶם:** און צו אייערע קינדער: **בְּרוּכִים אַתֶּם** געבענטשט זייט איר, **לַיהוָה,** פון ה׳, **עֹשֵׂה** דער וואָס האָט געמאַכט, **שָׁמַיִם וָאָרֶץ:** הימל און ערד: **הַשָּׁמַיִם** די הימל, **שָׁמַיִם לַיהוָה,** זיינען הימל פון גָ-ט, **וְהָאָרֶץ** און די ערד, **נָתַן** האָט ער געגעבן, **לִבְנֵי-אָדָם:** צו די קינדער פון מענטשן: **לֹא הַמֵּתִים** נישט די טויטע, **יְהַלְלוּ-יָהּ** קענען לויבן גָ-ט, **וְלֹא כָּל-יֹרְדֵי** און נישט די וואָס נידערן, **דוּמָה:** אין שטילען-גרוב: **וַאֲנַחְנוּ** אָבער מיר, **נְבָרֵךְ יָהּ,** וועלן בענטשן גָ-ט, **מֵעַתָּה** פון איצט אָן, **וְעַד עוֹלָם,** און ביז אייביג, **הַלְלוּיָהּ:** לויבט גָ-ט:

**אָהַבְתִּי** איך וואָלט ליב געהאַט, **כִּי-יִשְׁמַע יְהֹוָה** אַז ה׳ זאָל הערן, **אֶת-קוֹלִי** מיין שטימע, **תַּחֲנוּנָי:** מיינע געבעטן: **כִּי-הִטָּה** אַז ער זאָל נייגן, **אָזְנוֹ** זיין אויער, **לִי** צו מיר, **וּבְיָמַי** און אין אַלע מיינע טעג (מיין גאַנצן לעבן), **אֶקְרָא:** וועל איך אים רופן: **אֲפָפוּנִי** עס האָט מיר אַרומגערינגלט (דערנומען מיט), **חֶבְלֵי-מָוֶת** שמערצן פון טויט, **וּמְצָרֵי שְׁאוֹל** און יִסוּרִים פון קֶבֶר, **מְצָאוּנִי** האָט מיר געטראָפן, **צָרָה וְיָגוֹן** צָרוֹת און קלאָגעריי, **אֶמְצָא:** געפין איך: **וּבְשֵׁם-יְהֹוָה** און (דעמאָלט) אין דער נאָמען ה׳, **אֶקְרָא** טו איך רופן, **אָנָּא יְהֹוָה** איך בעט דיר, ה׳, **מַלְּטָה נַפְשִׁי:** ראַטעווע מיין נֶפֶש: **חַנּוּן יְהֹוָה** אַ באַגנאַדיגער ה׳, **וְצַדִּיק** און גערעכטיגער (ביסטו), **וֵאלֹהֵינוּ** און אונזער גָ-ט, **מְרַחֵם:** איז באַרימהאַרציג: **שֹׁמֵר** ער היט, **פְּתָאִים** די פראָסט (נאַרישע) מענטשן, **יְהֹוָה** ה׳, **דַּלֹּתִי** איך בין געווען דערנידריגט (אָרעם), **וְלִי יְהוֹשִׁיעַ:** און ער האָט מיר געהאָלפן: **שׁוּבִי נַפְשִׁי** קער אום מיין נֶפֶש, **לִמְנוּחָיְכִי** צו דיין רואיקייט, **כִּי-יְהֹוָה** ווייל ה׳, **גָּמַל** האָט געבראַכט גוטסקייט, **עָלָיְכִי:** אויף דיר: **כִּי חִלַּצְתָּ** דען דו האָסט באַפרייט, **נַפְשִׁי** מיין נֶפֶש, **מִמָּוֶת** פון טויט, **אֶת-עֵינִי** מיינע אויגן, **מִן-דִּמְעָה** פון טרערן, **אֶת-רַגְלִי** מיינע פיס, **מִדֶּחִי:** פון אומפאַלן: **אֶתְהַלֵּךְ** איך וועל גיין, **לִפְנֵי יְהֹוָה** פאַר ה׳, **בְּאַרְצוֹת הַחַיִּים:** אין די לענדער פון די לעבעדיגע: **הֶאֱמַנְתִּי** איך האָב געגלויבט (אין ה׳), **כִּי אֲדַבֵּר** אויך ווען איך האָב געזאָגט, **אֲנִי עָנִיתִי מְאֹד:** (אַז) איך בין זייער געפייניקט: **אֲנִי אָמַרְתִּי** (און אויך ווען)

איך האָב געזאָגט, **בְחָפְזִי** אין מײַן אײַלעניש, **כָּל-הָאָדָם** אַז אַלע מענטשן, **כֹּזֵב:** זײַנען ליגנער׳ס:

**מָה-אָשִׁיב** וואָס קען איך צוריק געבן, **לַיהוָה** צו ה׳, **כָּל-תַּגְמוּלוֹהִי** פאַר אַלע זײַנע גוטסקײַטן, **עָלָי:** (וואָס ער האָט געטאָן) צו מיר: **כּוֹס-יְשׁוּעוֹת** דאָס בעכער (כּוֹס) פון הילף, **אֶשָּׂא** וועל איך אויפהויבן, **וּבְשֵׁם יְהוָה** און אין נאָמען פון ה׳, **אֶקְרָא:** וועל איך רופן: **נְדָרַי לַיהוָה** מײַנע צוזאָגן צו ה׳, **אֲשַׁלֵּם** וועל איך באַצאָלן, **נֶגְדָה-נָּא** אין דער אָנוועזנהײַט, **לְכָל-עַמּוֹ:** פון זײַן גאַנצן פאָלק: **יָקָר** עס איז שווער (טײַער), **בְּעֵינֵי יְהוָה** אין די אויגן פון ה׳, **הַמָּוְתָה** דער טויט, **לַחֲסִידָיו:** פון זײַנע חַסִידִים (פרומע ערליכע): **אָנָּה יְהוָה** איך דאַנק דיר ה׳, **כִּי-אֲנִי עַבְדֶּךָ** אַז איך בין דײַן קנעכט, **אֲנִי-עַבְדְּךָ** איך בין דײַן קנעכט, **בֶּן-אֲמָתֶךָ** דער זון פון דײַן דינסט, **פִּתַּחְתָּ** דו האָסט געעפנט (לויז-געבונדן), **לְמוֹסֵרָי:** מײַנע שטריק (בענדער): **לְךָ-אֶזְבַּח** צו דיר וועל איך שחטין, **זֶבַח תּוֹדָה** אַ שחט׳ן פון אַ קָרְבָּן תּוֹדָה (אַ דאַנק), **וּבְשֵׁם יְהוָה** און אין דעם נאָמען פון ה׳, **אֶקְרָא:** וועל איך רופן: **נְדָרַי לַיהוָה** מײַנע צוזאָגן צו ה׳, **אֲשַׁלֵּם** וועל איך באַצאָלן, **נֶגְדָה-נָּא** אין דער אָנוועזנהײַט, **לְכָל-עַמּוֹ:** פון זײַן גאַנצן פאָלק: **בְּחַצְרוֹת** אין די הויפן, **בֵּית יְהוָה** פון דעם הויז פון ה׳, **בְּתוֹכֵכִי יְרוּשָׁלָםִ** אין מיט׳ן פון (דיר) יְרוּשָׁלַיִם, **הַלְלוּיָהּ:** לויבט גָ-ט:

**הַלְלוּ אֶת-יְהוָה** לויבט ה׳, **כָּל-גּוֹיִם** אַלע פעלקער, **שַׁבְּחוּהוּ** באַרימט אים, **כָּל-הָאֻמִּים:** אַלע פעלקער: **כִּי גָבַר עָלֵינוּ** ווײַל עס האָט זיך געשטאַרקט איבער אונז, **חַסְדּוֹ** זײַן חֶסֶד – גענאַדע, **וֶאֱמֶת-יְהוָה** און די אמת׳קײַט (טרײַיהײַט) פון ה׳, **לְעוֹלָם** איז אויף אײַביג, **הַלְלוּיָהּ:** לויבט גָ-ט:

**הוֹדוּ לַיהוָה** לויבט ה׳, **כִּי-טוֹב** ווײַל ער איז גוט, **כִּי, לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײַביג, **חַסְדּוֹ:** איז זײַן חֶסֶד – גענאַדע: **יֹאמַר-נָא יִשְׂרָאֵל** זאָל יִשְׂרָאֵל (די אידן) זאָגן, **כִּי, לְעוֹלָם** אַז אויף אײַביג, **חַסְדּוֹ:** איז זײַן חֶסֶד – גענאַדע, **יֹאמְרוּ-נָא** זאָלן זיי זאָגן, **בֵית-אַהֲרֹן** די הויז (קינדער) פון אַהֲרֹן, **כִּי, לְעוֹלָם** אַז אויף אײַביג, **חַסְדּוֹ:** איז זײַן חֶסֶד – גענאַדע, **יֹאמְרוּ-נָא** זאָלן זיי זאָגן, **יִרְאֵי יְהוָה** די וואָס האָבן מוֹרָא פון ה׳, **כִּי, לְעוֹלָם** אַז אויף אײַביג, **חַסְדּוֹ:** איז זײַן חֶסֶד – גענאַדע:

**מִן-הַמֵּצַר** פון נויט (ענגשאַפט), **קָרָאתִי יָּהּ** האָב איך גערופן גָ-ט, **עָנָנִי** ער האָט געענטפערט, **בַמֶּרְחַב יָהּ:** מיט גרויסע באַקוועמליכקײַטן, **יְהוָה לִי** ה׳ איז מיט מיר, **לֹא אִירָא** האָב איך נישט מוֹרָא, **מַה-יַּעֲשֶׂה לִי** וואָס קען מיר טאָן, **אָדָם:** אַ מענטש: **יְהוָה לִי** ה׳ איז מיט מיר, **בְּעֹזְרָי** אין מײַנע העלפער, **וַאֲנִי אֶרְאֶה** און איך וועל זעהן (די מַפָּלָה – פאַלן), **בְשֹׂנְאָי:** פון מײַנע פײַנד, **טוֹב** עס איז בעסער, **לַחֲסוֹת בַּיהוָה** צו באַשיצן זיך דורך ה׳, **מִבְּטֹחַ** ווי צו פאַרזיכערן זיך, **בִּנְדִיבִים:** אין די גוט האַרציגע הערן: **כָּל גּוֹיִם** אַלע פעלקער, **סְבָבוּנִי** האָבן מיר אַרומגערינגלט,

**בְּשֵׁם יְהוָֹה** (אָבער) אין דעם נאָמען פון ה׳, **כִּי אֲמִילַם:** וועל איך זיי פאַרשניידן: **סַבּוּנִי** זיי האָבן זיך מיר אַרומגעשטעלט, **גַּם-סְבָבוּנִי** זיי האָבן מיר אויך אַרומגערינגלט, **בְּשֵׁם יְהוָֹה** (אָבער) אין דעם נאָמען פון ה׳, **כִּי אֲמִילַם:** וועל איך זיי פאַרשניידן: **סַבּוּנִי** זיי האָבן מיר אַרומגערינגלט, **כִדְבֹרִים** אַזוי ווי בינען, **דֹּעֲכוּ** זיי וועלן זיך אויסלעשן, **כְּאֵשׁ קוֹצִים** ווי פייער פון דערנער, **בְּשֵׁם יְהוָֹה** אין דעם נאָמען פון ה׳, **כִּי אֲמִילַם:** וועל איך זיי פאַרשניידן: **דָּחֹה דְחִיתַנִי** (מיינע שׂוֹנְאִים האָבן מיר) געשטופּט און געשטופּט (מערערע מאָל), **לִנְפֹּל** אַז איך זאָל פאַלן, **וַיהוָֹה עֲזָרָנִי:** און ה׳ האָט מיר געהאָלפן: **עָזִּי** מיין שטאַרקייט, **וְזִמְרָת** און געזאַנג, **יָהּ** איז גָ-ט, **וַיְהִי-לִי** און ער איז געווען צו מיר, **לִישׁוּעָה:** פאַר אַ הילף: **קוֹל רִנָּה** אַ שטימע פון געזאַנג, **וִישׁוּעָה** און הילף, **בְּאָהֳלֵי צַדִּיקִים,** אין די געצעלטן פון די צדיקים – גערעכטע, **יְמִין יְהוָֹה** די רעכטע האַנט פון ה׳, **עֹשָׂה חָיִל:** טוט גרויסע זאַכן: **יְמִין יְהוָֹה** די רעכטע האַנט פון ה׳, **רוֹמֵמָה** איז דערהויבן, **יְמִין יְהוָֹה** די רעכטע האַנט פון ה׳, **עֹשָׂה חָיִל:** טוט גרויסע זאַכן: **לֹא-אָמוּת** איך וויל נישט שטאַרבן, **כִּי-אֶחְיֶה** נאָר איך וועל לעבן, **וַאֲסַפֵּר** און איך וועל דערציילן, **מַעֲשֵׂי יָהּ:** די טואונגען פון גָ-ט: **יַסֹּר יִסְּרַנִּי** געשטראָפט האָט מיר געשטראָפט, **יָּהּ,** גָ-ט, **וְלַמָּוֶת** אָבער צום טויט, **לֹא נְתָנָנִי:** האָט ער מיר נישט איבערגעגעבן: **פִּתְחוּ-לִי** עפנט מיר, **שַׁעֲרֵי-צֶדֶק** די טויערן פון גערעכטיגקייט, **אָבֹא-בָם** איך וועל אַריין קומען אין זיי, **אוֹדֶה יָהּ:** (און) איך וועל לויבן גָ-ט: **זֶה-הַשַּׁעַר לַיהוָֹה** דאָס איז דאָס טויער צו ה׳, **צַדִּיקִים** די צדיקים – גערכטיגע, **יָבֹאוּ בוֹ:** וועלן אַריין קומען אין אים. **אוֹדְךָ** איך דאַנק דיר, **כִּי עֲנִיתָנִי** ווייל דו האָסט מיר געענטפערט, **וַתְּהִי-לִי** און דו ביסט געווען צו מיר, **לִישׁוּעָה:** פאַר דיין הילף: **אוֹדְךָ** איך דאַנק דיר, **כִּי עֲנִיתָנִי** ווייל דו האָסט מיר געענטפערט, **וַתְּהִי-לִי** און דו ביסט געווען צו מיר, **לִישׁוּעָה:** פאַר דיין הילף. **אֶבֶן** דער שטיין, **מָאֲסוּ הַבּוֹנִים** וואָס די בויער האָבן פאַרמיאוסיט, **הָיְתָה** (זי) איז געוואָרן, **לְרֹאשׁ פִּנָּה:** די הויפּט ווינקל-שטיין, **אֶבֶן** דער שטיין, **מָאֲסוּ הַבּוֹנִים** וואָס די בויער האָבן פאַרמיאוסיט, **הָיְתָה** (זי) איז געוואָרן, **לְרֹאשׁ פִּנָּה:** די הויפּט ווינקל-שטיין. **מֵאֵת יְהוָֹה** פון ה׳, **הָיְתָה זֹּאת** איז דאָס געווען, **הִיא נִפְלָאת** עס איז וואונדערבאַר, **בְּעֵינֵינוּ:** אין אונזערע אויגן: **מֵאֵת יְהוָֹה** פון ה׳, **הָיְתָה זֹּאת** איז דאָס געווען, **הִיא נִפְלָאת** עס איז וואונדערבאַר, **בְּעֵינֵינוּ:** אין אונזערע אויגן. **זֶה-הַיּוֹם** דאָס איז דער טאָג, **עָשָׂה יְהוָֹה** וואָס ה׳ האָט געמאַכט, **נָגִילָה** לאָמיר זיין לוסטיג, **וְנִשְׂמְחָה בוֹ:** און זיך פרייען אין אים. **זֶה-הַיּוֹם** דאָס איז דער טאָג, **עָשָׂה יְהוָֹה** וואָס ה׳ האָט געמאַכט, **נָגִילָה** לאָמיר זיין לוסטיג, **וְנִשְׂמְחָה בוֹ:** און זיך פרייען אין אים.

חזן וקהל: **אָנָּא יְהוָה** מיר בעטן דיר ה׳, **הוֹשִׁיעָה נָּא:** העלף אונז.

חזן וקהל: **אָנָּא יְהוָה** מיר בעטן דיר ה׳, **הוֹשִׁיעָה נָּא:** העלף אונז.

חזן וקהל: **אָנָּא יְהוָה** מיר בעטן דיר ה׳, **הַצְלִיחָה נָּא:** באַגליק אונז.

חזן וקהל: **אָנָּא יְהוָה** מיר בעטן דיר ה׳, **הַצְלִיחָה נָּא:** באַגליק אונז.

**בָּרוּךְ הַבָּא** געבענטשט איז דער וואָס קומט, **בְּשֵׁם יְהוָה** אין נאָמען פון ה׳, **בֵּרַכְנוּכֶם** מיר בענטשן אײַך, **מִבֵּית יְהוָה:** פון די הויז פון ה׳. **בָּרוּךְ הַבָּא** געבענטשט איז דער וואָס קומט, **בְּשֵׁם יְהוָה** אין נאָמען פון ה׳, **בֵּרַכְנוּכֶם** מיר בענטשן אײַך, **מִבֵּית יְהוָה:** פון די הויז פון ה׳.

**אֵל יְהוָה** ה׳ איז מעכטיג (און גוט), **וַיָּאֶר לָנוּ** און ער האָט אונז באַלײַכט, **אִסְרוּ-חַג** בינדט דעם יום טוב קָרְבָּן, **בַּעֲבֹתִים** מיט שטריק, **עַד-קַרְנוֹת** (און פירט אים) ביז צו די הערנער (ווינקלען), **הַמִּזְבֵּחַ:** פון דעם מִזְבֵּחַ. **אֵל יְהוָה** ה׳ איז מעכטיג (און גוט), **וַיָּאֶר לָנוּ** און ער האָט אונז באַלײַכט, **אִסְרוּ-חַג** בינדט דעם יום טוב קָרְבָּן, **בַּעֲבֹתִים** מיט שטריק, **עַד-קַרְנוֹת** (און פירט אים) ביז צו די הערנער (ווינקלען), **הַמִּזְבֵּחַ:** פון דעם מִזְבֵּחַ.

**אֵלִי אַתָּה** מײַן ג-ט ביסטו, **וְאוֹדֶךָּ** און איך וועל דיר דאַנקען, **אֱלֹהַי** (דו ביסט) מײַן ג-ט, **אֲרוֹמְמֶךָּ:** (און) איך וועל דיר דערהויבן. **אֵלִי אַתָּה** מײַן ג-ט ביסטו, **וְאוֹדֶךָּ** און איך וועל דיר דאַנקען, **אֱלֹהַי** (דו ביסט) מײַן ג-ט, **אֲרוֹמְמֶךָּ:** (און) איך וועל דיר דערהויבן.

**הוֹדוּ לַיהוָה** לויבט ה׳, **כִּי טוֹב** ווײַל ער איז גוט, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ:** איז זײַן חֶסֶד – גענאַדע. **הוֹדוּ לַיהוָה** לויבט ה׳, **כִּי טוֹב** ווײַל ער איז גוט, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ:** איז זײַן חֶסֶד – גענאַדע.

**יְהַלְלוּךָ** עס וועלן דיר לויבן, **יְהוָה אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער ג-ט, **(עַל)** (אויף), **כָּל-מַעֲשֶׂיךָ,** אַלע דײַנע טואונגען, **וַחֲסִידֶיךָ** און דײַנע חסידים – פרומע, **צַדִּיקִים** די גערעכטיגע, **עוֹשֵׂי רְצוֹנֶךָ** די וואָס טוען דײַן ווילן, **וְכָל-עַמְּךָ** און דײַן גאַנצע פאָלק, **בֵּית יִשְׂרָאֵל** דאָס הויז פון יִשְׂרָאֵל (די אידן), **בְּרִנָּה** מיט געזאַנג, **יוֹדוּ** וועלן זיי דאַנקען, **וִיבָרְכוּ** און בענטשן, **וִישַׁבְּחוּ** און זיי וועלן באַרימען, **וִיפָאֲרוּ** און באַשײנען, **וִירוֹמְמוּ** און דערהויבן, **וְיַעֲרִיצוּ** און שטאַרקן, **וְיַקְדִּישׁוּ** און זיי וועלן הייליגן, **וְיַמְלִיכוּ** און מאַכן קעניגן, **אֶת-שִׁמְךָ** דײַן נאָמען, **מַלְכֵּנוּ.** אונזער קעניג. **כִּי לְךָ** ווײַל צו דיר, **טוֹב** איז גוט, **לְהוֹדוֹת** צו דאַנקען, **וּלְשִׁמְךָ** און צו דײַן נאָמען, **נָאֶה** איז גוט אַנגענעם, **לְזַמֵּר** צו זינגען, **כִּי מֵעוֹלָם** ווײַל פון די העכסטע וועלטן (אײביג), **וְעַד עוֹלָם** ביז די נידעריגסטע וועלטן (אײביג), **אַתָּה אֵל.** ביסטו ג-ט.

פון הודו ביז וַיוֹצֵא יִשְׂרָאֵל זײַ מְכַוֵין אין דעם אות פון יו״ד פון שֵׁם הַוַיָ׳. (ליקוטי טעמים ומנהגים)

**הוֹדוּ לַיְיָ** לויבט ה׳, **כִּי טוֹב,** ווײַל ער איז גוט, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **הוֹדוּ** לויבט, **לֵאלֹהֵי הָאֱלֹהִים** צום ג-ט וואָס איז איבער

אַלע געטער (הימלדיקע וועזנס), **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **הוֹדוּ** לויבט, **לַאֲדֹנֵי הָאֲדֹנִים** צום האר וואָס איז איבער אַלע (הימלדיקע) הארן, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **לְעֹשֵׂה** (לויבט) צו דער וואָס טוט, **נִפְלָאוֹת** גרויסער וואונדער, **לְבַדּוֹ** אַלײן, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **לְעֹשֵׂה** (לויבט) צו דעם וואָס מאַכט, **הַשָּׁמַיִם** דעם הימל, **בִּתְבוּנָה** מיט פאַרשטאַנד, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **לְרוֹקַע** (לויבט) צו דעם וואָס פאַרשפּרײט, **הָאָרֶץ** די ערד, **עַל-הַמָּיִם** איבער די וואַסער, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **לְעֹשֵׂה** (לויבט) צו וואָס האָט געמאַכט, **אוֹרִים גְּדֹלִים** גרויסע לײַכטער, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **אֶת הַשֶּׁמֶשׁ** די זון, **לְמֶמְשֶׁלֶת בַּיּוֹם** צו גיוועלטיגן בײַטאָג, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **אֶת הַיָּרֵחַ** די לְבָנָה, **וְכוֹכָבִים** און די שטערן, **לְמֶמְשְׁלוֹת בַּלָּיְלָה** צו גיוועלטיגן בײַנאַכט, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **לְמַכֵּה** צו דעם וואָס האָט געשלאָגן, **מִצְרַיִם** מצרים, **בִּבְכוֹרֵיהֶם** מיט זײערע ערשטע געבוירענע, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד.

פון וַיּוֹצֵא יִשְׂרָאֵל ביז לְמוֹלִיךְ זײ מְכַוֵּין אין דעם אות פון הַ"א פון שֵׁם הֲוַיָ'. (ליקוטי טעמים ומנהגים)

**וַיּוֹצֵא** און ער האָט אַרויסגעפירט, **יִשְׂרָאֵל** ישראל, **מִתּוֹכָם** פון צווישן זי, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **בְּיָד חֲזָקָה** מיט אַ שטאַרקע האַנט, **וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה** און מיט אַן אויסגעשטרעקטע אָרעם, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **לְגֹזֵר** צו דעם וואָס האָט צושניטן, **יַם-סוּף** דעם יַם סוף, **לִגְזָרִים** אויף שטיקער (טײלן) , **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **וְהֶעֱבִיר** און ער האָט דורך געפירט, **יִשְׂרָאֵל** די אידן, **בְּתוֹכוֹ** אין אים, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **וְנִעֵר** און ער האָט אַרײַן געוואָרפן, **פַּרְעֹה** פרעה, **וְחֵילוֹ** און זײַן אַרמײ, **בְּיַם-סוּף** אין יַם-סוף, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד.

פון לְמוֹלִיךְ ביז נַחֲלָה זײ מְכַוֵּין אין דעם אות פון וָא"ו פון שֵׁם הֲוַיָ'. (ליקוטי טעמים ומנהגים)

**לְמוֹלִיךְ** צו דעם וואָס האָט געפירט, **עַמּוֹ** זײַן פאָלק, **בַּמִּדְבָּר** אין מדבר – וויסטע, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **לְמַכֵּה** צו דעם וואָס האָט געשלאָגן, **מְלָכִים גְּדֹלִים** גרויסע קעניגן, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **וַיַּהֲרֹג** און ער האָט געה'רג'עט, **מְלָכִים אַדִּירִים** מעכטיגע קעניגן, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **לְסִיחוֹן** (אַזוי ווי) סיחון, **מֶלֶךְ**

**הָאֱמֹרִי** דער קעניג פון אמורי, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **וּלְעוֹג** און עוג, **מֶלֶךְ הַבָּשָׁן** דער קעניג פון בָּשָׁן, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **וְנָתַן** און ער האָט געגעבן, **אַרְצָם** זײַן לאַנד, **לְנַחֲלָה** פאַר אַן אַרב-טייל, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד.

פון דעם פָּסוּק נַחֲלָה ביז סוֹף קאַפּיטל זײַ מְכַוֵּין אין דעם אות פון הֵ״א פון שֵׁם הַוַיֵ׳.

(ליקוטי טעמים ומנהגים)

**נַחֲלָה** אַן אַרב-טייל, **לְיִשְׂרָאֵל עַבְדּוֹ** פאַר ישראַל זײַן קנעכט, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **שֶׁבְּשִׁפְלֵנוּ** וואָס אין אונזער נידעריגקײַט, **זָכַר לָנוּ** האָט ער אונז געדיינקט, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **וַיִּפְרְקֵנוּ** און ער האָט אונז אויסגעלייזט, **מִצָּרֵינוּ** פון די וואָס מאַכט אונז ענג, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **נוֹתֵן לֶחֶם** ער גיט ברויט (ער שפּײַזט), **לְכָל בָּשָׂר** די אַלע באַשעפענישן, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד. **הוֹדוּ** לויבט, **לְאֵל הַשָּׁמָיִם** צום גָ-ט פון הימל, **כִּי לְעוֹלָם** ווײַל אויף אײביג, **חַסְדּוֹ** איז זײַן גענאָד.

**נִשְׁמַת** די נְשָׁמָה, **כָּל חַי** פון אַלעס וואָס לעבט, **תְּבָרֵךְ** זאָל לויבן, **אֶת שִׁמְךָ** דײַן נאָמען, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **וְרוּחַ** און דער גײַסט [אָטעם], **כָּל בָּשָׂר** פון אַלע באַשעפענישן, **תְּפָאֵר** זאָל באַשײנען, **וּתְרוֹמֵם** און זאָל דערהויבן, **זִכְרְךָ** דײַן אָנדענקונג, **מַלְכֵּנוּ** אונזער קעניג, **תָּמִיד** שטענדיק, **מִן הָעוֹלָם** פון אײביג-אָן (פון די אויבערשטע וועלטן), **וְעַד הָעוֹלָם** (און) ביז אײביק (און ביז די אונטערשטע וועלטן), **אַתָּה אֵל** ביסטו גָ-ט, **וּמִבַּלְעָדֶיךָ** און אויסער דיר, **אֵין לָנוּ מֶלֶךְ** האָבן מיר נישט קײן קעניג, **גּוֹאֵל** אַן אויסלײזער, **וּמוֹשִׁיעַ** און אַ העלפער, **פּוֹדֶה** וואָס לײזט אויס, **וּמַצִּיל** און ראַטעוועט, **וּמְפַרְנֵס** און שפּײַזט [באַזאָרגט], **וְעוֹנֶה** און ענטפערט, **וּמְרַחֵם** און דערבאַרימט זיך, **בְּכָל עֵת** אין יעדע צײַט, **צָרָה** פון נויט, **וְצוּקָה** און ענגשאַפט, **אֵין לָנוּ מֶלֶךְ** מיר האָבן נישט קײן קעניג, **אֶלָּא אָתָּה** נאָר דיר, **אֱלֹהֵי הָרִאשׁוֹנִים** דו ביסט דער גָ-ט פון די ערשטע [דורות], **וְהָאַחֲרוֹנִים** און פון די לעצטע, **אֱלוֹהַּ** דער גָ-ט, **כָּל בְּרִיּוֹת** פון אַלע באַשעפענישן, **אֲדוֹן** דער האַר, **כָּל תּוֹלָדוֹת** פון אַלע געבוירענע (פון אַלעס וואָס טרעפט), **הַמְהֻלָּל** דער וואָס ווערט געלויבט, **בְּרוֹב הַתִּשְׁבָּחוֹת** מיט פיל לויב, **הַמְנַהֵג עוֹלָמוֹ** דער וואָס פירט זײַן וועלט, **בְּחֶסֶד** מיט גענאַדע, **וּבְרִיּוֹתָיו** און זײַנע באַשעפענישן, **בְּרַחֲמִים** מיט דערבאַרימקײַט, **וַיְיָ** און ה׳, **הִנֵּה** אָט (ער), **לֹא יָנוּם** דרעמילט נישט, **וְלֹא יִישָׁן** און שלאָפט נישט, **הַמְעוֹרֵר** ער וועקט אויף, **יְשֵׁנִים** די שלאָפנדיגע, **וְהַמֵּקִיץ** און ער מאַכט וואַכעדיג, **נִרְדָּמִים** די וואָס דרעמלען (די טיף-שלאָפנדיגע), **וְהַמֵּשִׂיחַ** און ער מאַכט רײדן, **אִלְּמִים** די שטומע, **וְהַמַּתִּיר** און ער בינדט-אָפּ, **אֲסוּרִים** די געבונדענע (געפאַנגענע), **וְהַסּוֹמֵךְ** און ער

לעהנט אונטער, **נוֹפְלִים** די געפאַלענע, **וְהַזּוֹקֵף** און ער שטעלט אויף, **כְּפוּפִים** די אײַנגעבויגענע, **לְךָ לְבַדְּךָ** צו דיר אַליין, **אֲנַחְנוּ מוֹדִים** דאַנקען מיר. **אִלּוּ** ווען אַפילו, **פִינוּ** אונזער מויל, **מָלֵא** וואָלט געווען פול, **שִׁירָה** מיט לידער, **כַּיָּם** ווי דער יַם [וואָס איז פול מיט וואַסער], **וּלְשׁוֹנֵנוּ** און אונזער צונג [וואָלט געווען פול], **רִנָּה** מיט לויב-געזאַנג, **כַּהֲמוֹן** אַזוי ווי דאָס ברומונג, **גַּלָּיו** פון זײַנע כוואַליעס, **וְשִׂפְתוֹתֵינוּ** און אונזערע ליפּען [וואָלטן געווען פול], **שֶׁבַח** מיט לויב, **כְּמֶרְחֲבֵי** ווי די ברייט (אויסברייטונגען), **רָקִיעַ** פון דער הימעל, **וְעֵינֵינוּ** און אונזערע אויגן, **מְאִירוֹת** [זאָלן] לײַכטען, **כַּשֶּׁמֶשׁ** ווי די זון, **וְכַיָּרֵחַ** און די לְבָנָה, **וְיָדֵינוּ** און אונזערע הענט, **פְרוּשׂוֹת** [זאָלן זײַן] פאַרשפּרייט, **כְּנִשְׁרֵי** ווי די [פליגלען פון] אָדלער'ן, **שָׁמָיִם** [וואָס פליען אונטער'ן] הימל, **וְרַגְלֵינוּ** און אונזערע פיס, **קַלּוֹת** [זאָלן זײַן] גרינג [לייכט], **כָּאַיָּלוֹת** ווי די אינדען (הירש'ן), **אֵין אָנוּ מַסְפִּיקִים** וואָלטן מיר נישט געקענט ענדיגן, **לְהוֹדוֹת לְךָ** צו דאַנקען דיר, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ** און דער גָ-ט פון אונזערע עלטערן, **וּלְבָרֵךְ** און צו בענטשן, **אֶת שְׁמֶךָ** דײַן נאָמען, **עַל אַחַת מֵאֶלֶף** פאַר איינע פון טויזענד, **אַלְפֵי אֲלָפִים** טויזענד מאָל טויזענד, **וְרִבֵּי רְבָבוֹת פְּעָמִים** און צען טויזענד מאָל צען טויזענד מאָל, **הַטּוֹבוֹת** פון די גוטסקייטן, **נִסִּים וְנִפְלָאוֹת** ניסים און וואונדער, **שֶׁעָשִׂיתָ** וואָס דו האָסט געטאָהן, **עִמָּנוּ** מיט אונז, **וְעִם אֲבוֹתֵינוּ** מיט אונזערע עלטערן, **מִלְּפָנִים** פון פריער: **מִמִּצְרַיִם** פון מִצְרַיִם, **גְּאַלְתָּנוּ** האָסטו אונז אויסגעלייזט, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **וּמִבֵּית עֲבָדִים** און פון קנעכט-הויז, **פְּדִיתָנוּ** האָסטו אונז באַפרײַט, **בְּרָעָב** אין הונגער-יאָר, **זַנְתָּנוּ** האָסטו אונז געשפּײַזט, **וּבְשָׂבָע** און אין זאַטע יאָרן, **כִּלְכַּלְתָּנוּ** האָסטו אונז ערנעהרט, **מֵחֶרֶב** פון שווערד, **הִצַּלְתָּנוּ** האָסטו אונז געראַטעוועט, **וּמִדֶּבֶר** און פון פעסט [מאָרד], **מִלַּטְתָּנוּ** האָסטו אונז געמאַכט אַנטרינען, **וּמֵחֳלָיִם רָעִים** און פון שלעכטע קראַנקײַטן, **וְנֶאֱמָנִים** און אָנהאַלטענדע [קראַנקייטן], **דִּלִּיתָנוּ** האָסטו אונז אַרויסגעצויגן. **עַד הֵנָּה** ביז יעצט, **עֲזָרוּנוּ** האָט אונז געהאָלפן, **רַחֲמֶיךָ** דײַן דערבאַרימקײַט, **וְלֹא עֲזָבוּנוּ** און עס האָבן אונז נישט פאַרלאָזן, **חֲסָדֶיךָ** דײַנע גענאדן, **וְאַל תִּטְּשֵׁנוּ** און דו וועסט אונז נישט פאַרלאָזן, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **לָנֶצַח** אויף אייביג, **עַל כֵּן** דעריבער, **אֵבָרִים** די גלידער, **שֶׁפִּלַּגְתָּ** וואָס דו האָסט צוטיילט, **בָּנוּ** אין אונז, **וְרוּחַ** און דער גײַסט [אָטעם], **וּנְשָׁמָה** און די נְשָׁמָה, **שֶׁנָּפַחְתָּ** וואָס דו האָסט אַרײַן געבלאָזן, **בְּאַפֵּינוּ** אין אונזערע נאָזלעכער, **וְלָשׁוֹן** און די צונג, **אֲשֶׁר שַׂמְתָּ** וואָס דו האָסט געלייגט, **בְּפִינוּ** אין אונזער מויל, **הֵן הֵם** זע אָט זיי [די אַלע גלידער], **יוֹדוּ** זאָלן דאַנקען, **וִיבָרְכוּ** און זאָלן בענטשן, **וִישַׁבְּחוּ** און באַרימען, **וִיפָאֲרוּ** און באַשיינען, **וִירוֹמְמוּ** און דערהויבן, **וְיַעֲרִיצוּ** און הערליך האַלטן, **וְיַקְדִּישׁוּ** און הייליגן, **וְיַמְלִיכוּ** און מאַכן קיניגן, **אֶת שִׁמְךָ** דײַן נאָמען, **מַלְכֵּנוּ** אונזער קעניג, **כִּי כָל פֶּה**

דען יעדער מויל, **לְךָ יוֹדֶה** זאָל דיר דאַנקען. **וְכָל לָשׁוֹן** און יעדער צונג, **לְךָ תִשָּׁבַע** זאָל (צו דיר) בײַ דײַן נאָמען שווערן. **וְכָל עַיִן** און יעדער אויג, **לְךָ תְצַפֶּה** זאָל צו דיר קוקן, **וְכָל בֶּרֶךְ** און יעדער קני, **לְךָ תִכְרַע** זאָל זיך צו דיר קניען. **וְכָל קוֹמָה** און יעדער מענטש-שטאַטור, **לְפָנֶיךָ תִשְׁתַּחֲוֶה** זאָל זיך בוקן פאַר דיר. **וְכָל הַלְּבָבוֹת** און אַלע הערצער, **יִירָאוּךָ** זאָלן דיר פאָרכטן. **וְכָל קֶרֶב** און יעדעןס אינעווייניגסטע [געדאַנקען], **וּכְלָיוֹת** און נירן, **יְזַמְּרוּ** זאָלן זינגען, **לִשְׁמֶךָ** פאַר דײַן נאָמען. **כַּדָּבָר** אַזוי ווי דאָס וואָרט, **שֶׁכָּתוּב** וואָס איז געשריבן [אין פסוק], **כָּל עַצְמוֹתַי** אַלע מײַנע בײנער (מײַן עֶצֶם), **תֹּאמַרְנָה** זאָגן, **יְיָ, מִי כָמוֹךָ** ה׳ ווער איז דײַן גלײַכן? **מַצִּיל עָנִי** דער וואָס ראַטעוועט דעם אָרימאַן, **מֵחָזָק מִמֶּנּוּ** פון דעם וואָס איז שטאַרקער פון אים, **וְעָנִי** און דעם אָרעמאַן, **וְאֶבְיוֹן** און דעם באַדאַרפטיגן (גרויסער אָרימאַן), **מִגּוֹזְלוֹ** פון זײַן רויבער, **מִי יִדְמֶה לָּךְ** ווער איז ענליך צו דיר, **וּמִי יִשְׁוֶה לָּךְ** און ווער איז גלײַך צו דיר, **וּמִי יַעֲרָךְ לָךְ** און ווער קען זיך שאַצן צו דיר, **הָאֵל** דער גָ-ט, **הַגָּדוֹל** דער גרויסער, **הַגִּבּוֹר** דער מעכטיקער, **וְהַנּוֹרָא** און דער פאָרכטבאַרער, **אֵל עֶלְיוֹן** דערהויבענער גָ-ט, **קֹנֵה** דער וואָס שאַפט, **שָׁמַיִם וָאָרֶץ** הימל און ערד. **נְהַלֶּלְךָ** מיר וועלן דיר לויבן, **וּנְשַׁבֵּחֲךָ** און מיר וועלן דיר באַריהמען, **וּנְפָאֶרְךָ** און מיר וועלן דיר באַשיינען, **וּנְבָרֵךְ** און מיר וועלן בענטשן, **אֶת שֵׁם קָדְשֶׁךָ** דײַן הייליגן נאָמען, **כָּאָמוּר** אַזוי ווי עס איז געזאָגט [אין פָּסוק], **לְדָוִד** פון דָוִד (דָוִד האָט געזאָגט), **בָּרְכִי נַפְשִׁי** מײַן נֶפֶש לויב, **אֶת יְיָ** גָ-ט, **וְכָל קְרָבַי** און אַלע מײַנע אינעווייניגסטע [זאָלן לויבן], **אֶת שֵׁם קָדְשׁוֹ** זײַן הייליגן נאָמען.

**הָאֵל** דו ביסט גָ-ט, **בְּתַעֲצֻמוֹת עֻזֶּךָ** מיט דײַן מעכטיגן שטאַרקייט, **הַגָּדוֹל** דו ביסט גרויס, **בִּכְבוֹד שְׁמֶךָ** אין דער הערליכקייט פון דײַן נאָמען, **הַגִּבּוֹר** דו ביזט שטאַרק, **לָנֶצַח** ביז אייביק, **וְהַנּוֹרָא** און דער פאָרכטיגער, **בְּנוֹרְאוֹתֶיךָ** מיט דײַנע פאָרכטיגע טועגען, **הַמֶּלֶךְ** דער קעניג, **הַיּוֹשֵׁב** וואָס זיצט, **עַל כִּסֵּא** אויף אַ טראָהן, **רָם וְנִשָּׂא** וואָס איז הויך און דערהויבן.

**שׁוֹכֵן עַד** (ה׳) דער וואָס רוהט אייביג, **מָרוֹם וְקָדוֹשׁ** דערהויבןאון הייליג, **שְׁמוֹ** איז זײַן נאָמען, **וְכָתוּב** און עס שטייט געשריבן, **רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּיְיָ** זינגט, איר די גערעכטיגע צו ה׳, **לַיְשָׁרִים** צו די רעכטפאַרטיגע, **נָאוָה תְהִלָּה** פאַסט אַז זיי זאָלן אים לויבן, **בְּפִי יְשָׁרִים** מיטין מויל פון די רעכטפאַרטיגע, **תִּתְרוֹמָם** ווערסטו דערהויבן, **וּבְשִׂפְתֵי צַדִּיקִים** און מיט די ליפּן פון די גערעכטיגע, **תִּתְבָּרַךְ** ווערסטו געבענטשט, **וּבִלְשׁוֹן חֲסִידִים** און מיט די צונג פון די עהרליכע, **תִּתְקַדָּשׁ** ווערסטו געהייליגט, **וּבְקֶרֶב קְדוֹשִׁים** און אין די מיטע (צווישן) די הייליגע, **תִּתְהַלָּל** ווערסטו געלויבט.

**וּבְמַקְהֲלוֹת** און אין די פאַרזאַמלונגען, **רִבְבוֹת** פון די צעהנדליג טויזענטער, **עַמְּךָ** פון דיין פאָלק, **בֵּית יִשְׂרָאֵל** די הויז פון ישראל, **בְּרִנָּה** מיט געזאַנג, **יִתְפָּאֵר** ווערט פאַרהעליכט, **שִׁמְךָ** דיין נאָמען, **מַלְכֵּנוּ** אונזער קעניג, **בְּכָל דּוֹר וָדוֹר** אין יעדער דור און דור, **שֶׁכֵּן חוֹבַת** דען אזוי איז די פליכט, **כָּל הַיְצוּרִים** פון אלע באַשאַפענע, **לְפָנֶיךָ** פאַר דיר, **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ** און גָ-ט פון אונזערע עלטערן, **לְהוֹדוֹת** (דיר) צו דאַנקען, **לְהַלֵּל** צו לויבן, **לְשַׁבֵּחַ** צו באַריהמען, **לְפָאֵר** צו פאַרהערליכן, **לְרוֹמֵם** צו דערהויבן, **לְהַדֵּר** צו באַשיינען, **לְבָרֵךְ** צו בענטשן, **לְעַלֵּה** צו הויך אַכטען, **וּלְקַלֵּס** און צו לויבן מיט געזאַנג, **עַל כָּל דִּבְרֵי שִׁירוֹת** נאָכמער ווי אַלע ווערטער פון געזאַנג, **וְתִשְׁבְּחוֹת** און רוים לידער, **דָּוִד בֶּן יִשַׁי** (פון) דָוִד דער זון פון יִשַׁי, **עַבְדְּךָ** דיין קנעכט, **מְשִׁיחֶךָ** דיין געזאַלבטער.

**וּבְכֵן** און דעריבער, **יִשְׁתַּבַּח** זאָל באַריהמט ווערן, **שִׁמְךָ** דיין נאָמען, **לָעַד** אויף אייביק, **מַלְכֵּנוּ** אונזער קעניג, **הָאֵל** דער גָ-ט, **הַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל** דער גרויסער קעניג, **וְהַקָּדוֹשׁ** און דער הייליקער, **בַּשָּׁמַיִם** אין הימל, **וּבָאָרֶץ** און אויף דער ערד, **כִּי לְךָ נָאֶה** ווייל צו דיר פאַסט **יְיָ אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער גָ-ט, **וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ** און דער גָ-ט פון אונזערע עלטערן, **לְעוֹלָם וָעֶד:** (צו זאָגן) אויף אייביק און אייביק, **שִׁיר וּשְׁבָחָה** לידער און רויהם ווערטער, **הַלֵּל וְזִמְרָה** לויב און געזאַנג, **עֹז וּמֶמְשָׁלָה** (צו זאָגן וועגן דיין) שטאַרקייט און געוועלטיקייט **נֶצַח** דיינע זיג (געווינען), **גְּדֻלָּה וּגְבוּרָה** גרויסקייט און שטאַרקייט (מאַכט), **תְּהִלָּה וְתִפְאֶרֶת** לויב און שיינקייט, **קְדֻשָּׁה** הייליגקייט, **וּמַלְכוּת** און קעניגונג (רעגירונג), **בְּרָכוֹת וְהוֹדָאוֹת** בענטשן און דאַנקען, **לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל** צו דיין גרויסן נאָמען, **וְהַקָּדוֹשׁ** און הייליגע (נאָמען), **וּמֵעוֹלָם** און פון די העכסטע וועלט (אייביג), **עַד עוֹלָם** ביז די נידעריגסטע וועלט (אייביג), **אַתָּה אֵל** ביסטו גָ-ט. **בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ** געבענטשט ביסטו ה׳, **אֵל** גָ-ט, **מֶלֶךְ גָּדוֹל** גרויסער קעניג, **וּמְהֻלָּל בַּתִּשְׁבָּחוֹת** און געלויבט מיט רוים ווערטער (געזאַנגען), **אֵל הַהוֹדָאוֹת** גָ-ט וואָס איז ווערט צו דאַנקען, **אֲדוֹן הַנִּפְלָאוֹת** דער האַר פון וואונדער, **בּוֹרֵא כָּל הַנְּשָׁמוֹת** ער באַשאַפט אַלע נְשָׁמוֹת, **רִבּוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים** געוועלטיקער איבער אַלע געשעענישן, **הַבּוֹחֵר** וואָס קלייבט אויס (און האָט הֲנָאָה פון), **בְּשִׁירֵי זִמְרָה** געזאַנג לידער, **מֶלֶךְ יָחִיד** דער איינציקער קעניג, **חֵי הָעוֹלָמִים** דאָס לעבן פון אַלע וועלטן.

די וואָס פירן זיך צו זאָגן פִּזְמוֹנִים, זאָלן נישט מַפְסִיק זיין מיט זיי צווישן די בְּרָכָה פון מֶלֶךְ גָּדוֹל וּמְהוּלָּל בַּתִּשְׁבָּחוֹת און די בְּרָכָה אויף דעם כּוֹס, נאָר גלייך נאָכדעם מאַכן די בְּרָכָה אויף דעם פערטן כוס.

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער גָ-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** (דער) קעניג פון דער וועלט, **בּוֹרֵא** דער וואָס באַשאַפט, **פְּרִי הַגָּפֶן** די פרוכט פון דעם ווינשטאָק.

און ער טרינקט דעם כּוס ווײַן אָנגעלענטערהייט.

די בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה — נאָך-בְּרָכָה נאָך ווײַן:

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער ג-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** (דער קעניג פון דער וועלט, **עַל הַגֶּפֶן** פאַר די ווײַנשטאָק, **וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן** און פאַר די פרוכט פון דעם ווײַנשטאָק, **וְעַל תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה** און פאַר די פרוכט פון פעלד, **וְעַל אֶרֶץ** און פאַר די לאַנד, **חֶמְדָּה** דאָס גלוסטיגע, **טוֹבָה** די גוטע, **וּרְחָבָה** און די ברייטע, **שֶׁרָצִיתָ** וואָס דו האָסט באַוויליגט, **וְהִנְחַלְתָּ** און דו האָסט עס געמאַכט יַרְשְ׳ענען (געגעבן אַלעס אָן אַרבעטייל), **לַאֲבוֹתֵינוּ** צו אונזערע עלטערן, **לֶאֱכוֹל** צו עסן, **מִפִּרְיָהּ** פון אירע פרוכט, **וְלִשְׂבּוֹעַ** און זיך אָנזעטיגן, **מִטּוּבָהּ** פון איר גוטס, **רַחֵם נָא** דערבאַרים זיך, ביטע, **יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ** ה׳ אונזער ג-ט, **עַל יִשְׂרָאֵל** אויף די אידען, **עַמֶּךָ** דײַן פאָלק, **וְעַל יְרוּשָׁלַיִם** און אויף יְרוּשָׁלַיִם, **עִירֶךָ** דײַן שטאָט, **וְעַל צִיּוֹן** און אויף צִיוֹן, **מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ** די וואוינונג פון דײַן הערליכקייט, **וְעַל מִזְבְּחֶךָ** און אויף דײַן מִזְבֵּחַ, **וְעַל הֵיכָלֶךָ** און אויף דײַן פּאַלאַץ (בֵּית הַמִּקְדָּשׁ), **וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם** און בוי אויף יְרוּשָׁלַיִם, **עִיר הַקֹּדֶשׁ** די הייליגע שטאָט, **בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ** שנעל אין אונזערע טעג, **וְהַעֲלֵנוּ לְתוֹכָהּ** און ברײַנג אונז אַרויף צו איר, **וְשַׂמְּחֵנוּ בָּהּ** און דערפרײַ אונז אין איר, **וּנְבָרֶכְךָ** און מיר וועלן דיר בענטשן, **בִּקְדֻשָּׁה** אין (מיט) הייליגקייט, **וּבְטָהֳרָה** און אין (מיט) ריינקייט.

(אום שַׁבָּת זאָגט מען: **וּרְצֵה** און באַוויליג אונז, **וְהַחֲלִיצֵנוּ** און שטאַרק אונז, **בְּיוֹם הַשַּׁבָּת הַזֶּה:** אין דעם דאָזיגן טאָג פון שַׁבָּת).

**וְזָכְרֵנוּ לְטוֹבָה** און געדענק אונז צום גוטן, **בְּיוֹם** אין דעם טאָג, **חַג** דעם פּייער-טאָג, **הַמַּצּוֹת הַזֶּה** ווען מען עסט מַצָה.

**כִּי אַתָּה יְהֹוָה** ווײַל דו ה׳, **טוֹב** ביסט גוט, **וּמֵטִיב לַכֹּל** און דו טוסט גוט׳ס צו אַלעמען, **וְנוֹדֶה לְּךָ** און מיר דאַנקן דיר, **עַל הָאָרֶץ** פאַר די לאַנד, **וְעַל** און פאַר, **פְּרִי הַגֶּפֶן** די פרוכט פון דעם ווײַנשטאָק, **בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ** געבענטשט ביסטו ה׳, **עַל הָאָרֶץ** פאַר די לאַנד, **וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן** און פאַר די פרוכט פון דעם ווײַנשטאָק.

די בְּרָכָה פון בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אויף אַנדערע געטראַנקען:

**בָּרוּךְ** געבענטשט, **אַתָּה** ביסטו, **יְיָ** ה׳, **אֱלֹהֵינוּ** אונזער ג-ט, **מֶלֶךְ הָעוֹלָם** (דער קעניג פון דער וועלט, **בּוֹרֵא** דער וואָס באַשאַפט, **נְפָשׁוֹת רַבּוֹת** מערערע באַשאַפונגען, **וְחֶסְרוֹנָן** און זייערע באַדערפענישן, **עַל כֹּל מַה שֶּׁבָּרָאתָ** פאַר אַלעס וואָס דו האָסט באַשאַפן, **לְהַחֲיוֹת בָּהֶם** צו דערקוויקן מיט זיי, **נֶפֶשׁ** די זעהלע, **כָּל חָי** פון יעדע לעבעדיגן. **בָּרוּךְ** געבענטשט איז ער, **חַי** וואָס איז דאָס לעבן, **הָעוֹלָמִים** פון די וועלטן.

און דערנאָך זאָל ער זאָגן [נאָר איין מאָל – ליקוטי טעמים ומנהגים]:

**לְשָׁנָה הַבָּאָה** צום קומענדיקן יאָר, **בִּירוּשָׁלָיִם** (האָפן מיר צו זיין) אין יְרוּשָׁלַיִם.

[אין בֵּית הָרַב פירט מען זך, אַז נאָכ'ן זאָגן לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם וואָלט דער רבי צוריק געגאָסן די וויין פון כּוֹס שֶׁל אֵלִיָּהוּ צוריק צום בוטל וויין, און אַלע פאַרזאַמלטע זינגען אין דעם מאָמענט דעם ניגון אויף דעם פָּסוּק אֵ-לִי אַתָּה וְאוֹדֶךָּ וואָס דער ניגון איז איינע פון די צען ניגונים פון דעם אַלטן רבי'ן. – ליקוטי טעמים ומנהגים]

לזכות

**ישעי' זוסיא בן חנה רבקה**

וזוגתו **אסתר בת דברא נעכא**

**מרדכי דובער בן אסתר**

וזוגתו **מנוחה רחל בת הדסה עלקא**

ובניהם:

רפאל משה בן מנוחה רחל

בן-ציון ישראל מאיר בן מנוחה רחל

מרים בת מנוחה רחל

**חיים ישראל בן אסתר**

וזוגתו **מושקא בת מרים**

ובניהם:

מנחם מענדל בן מושקא

אברהם דוד בן מושקא

נתן בן מושקא

**לוי יצחק בן אסתר**

וזוגתו **חיה מושקא בת דינה שרה**

ובנם אברהם דוד בן חיה מושקא

**מנחם מענדל בן אסתר**

וזוגתו **חיה מושקא בת אסתר**

ובנם רפאל משה בן חיה מושקא

**חיה מושקא בת אסתר**

ובעלה **יעקב יוסף בן שרה ברכה ראסקין**

**נחמה מאשא, שרה רחל, רפאל משה**

**שיחיו**

**וויל העלם**